פאַרלאַג
מענדעלע
וואַרשע

# אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## צוואנציגסטער באנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאבע

פערקויף: געזעלשאפט „צענטראל", ווארשא, נאָוואָליפקי 7

1928

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

# ז כ ר ו נ ו ת
# וועגן מענדעלען

פ ע ר ל א ג „מ ע נ ד ע ל ע", ו ו א ר ש א

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakl. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# צוואַנציגסטער באַנד

דער דאזיגער באנד, „זכרונות וועגען מענדעלען“ איז צוזאמענגעשטעלט געווארען דורך ב. עפעלבוים און איז ערשינען צוריק מיט עטליכע יאהר.

אין דער איצטיגער אויפלאגע זענען אינ'ם באנד געמאכט געווארען אייניגע שינויים:

דער ארטיקעל פון י. ל. פרץ „מענדעלע“ איז ארויסגענומען געווארען פון דעם באנד און איז אריין אינ'ם ערשטען באנד, ווייל אהין געהערט ער לויט זיין אינהאלט.

עס איז אויך ארויסגענומען געווארען דער ארטיקל פון ח. נ. ביאליק „מענדעלעס נוסח“, ווייל ער איז לכתחילה געווען געדרוקט אינ'ם באנד ארטיקלען וועגען מענדעלעס שאפען („קריטיק“—פריהער באנד XVII, איצט באנד I).

עס זענען פון דעם באנד „קריטיק“ גענומען אהער די צוויי ארטיקלען: שלום עליכם — „ווי שעהן איז דער בוים“ און אברהם רייזען — „די קליאטשע“.

דער ארטיקל „נאכ'ן זיידענ'ס יובילעאום“, וואס קומט אין דעם באנד איז געשריבען דורך ח. נ. ביאליק אין העברעאיש און איבערגעזעצט אין אידיש דורך ב. עפעלבוים. אין די פריהערדיגע אויפלאגעס איז לויט א פארזעהן ח. נ. ביאליק'ס נאמען נישט דערמאנט געווארען.

אין דעם באנד זענען געבראכט נאר אייניגע זכרונות וועגען מענדעלען. דער קומענדיגער, איין און צוואנציגסטער באנד, וועט זיין געווידמעט ספעציעל „מעשיות וועגען מענדעלען“, דערצעהלט דורך די אנגעזעהנסטע אידישע שריפטשטעלער, די נאהנטע פריינד און מקורבים פון מענדעלען.

נ. מ.

שלום עליכם.

# ווי שען איז דער בוים.

# ווי שעו איז דער בוים.

איין עפיזאד מיט בארען. דערצעהלט לכבוד דעם זיידען רב מענדעלי, צו זיין פינף-און-זיבעציגסטען געבורטסטאג, פון זיין ערשטען אייניקעל *)

## שלום עליכם.

---

אויב איהר ווילט זיך בעקענען מיט'ן זיירען נאָהענט, אויב איהר ווילט מיט איהם פערברענגען אַ שעה אין פערגניגען, אויב איהר ווילט באמת הנאה האָבען, עפּיס נאַשען פונ'ם זיידען, — איז ניט אין אַ געזעלשאַפט, ניט אויף באַנקעטען, בעת מע דולט אַ קאָפּ מיט טאָסטען און מע שטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטען און מיט הידד'ס.

---

*) איך בין דא מוסר מודעת פאר דער גאנצער וועלט, אז דאס האב איך געקרויגט רב מענדעלי מוכר ספרים מיט'ן נאמען „זיידע". דאס איז געווען מיט א פיערטעל יאהרהונדערט צוריק. איך בין דעמאלט געווען נאך גאר א קונדס און „א פערשייטער אייניקעל", ווי דער זיידע האט מיך אנגערופען אין איינעם פון זיינע בריעף צו מיר. פון דעמאלט אן איז אוועק א גאנג: זיידע ! זיידעניו ! — דער זיידע האט דערלעבט, ברוך השם, אייניקלעך א גאנצען דור — כן ירבו וכן יפרצו !

שלום-עליכם

אמת, ער וועט זיך אין א געזעלשאַפט ניט פערליערען. ער וועט זיך ניט בעהאלטען אין א ווינקעלע און וועט זיך ניט שעמען פאר קיינעם, ער וועט אייך אָפּענטפערען אויף אלע אייערע טאַסטען און אויף אלע רעדענישען, יעדען בעזונדער און דוקא קלוג, און דוקא טיעף, און דוקא וויציג, און דאָס כנים וועט איהם לייכטען, ווי א מנורה, און איהר וועט זיך פיהלען מיט איהם יום-טוב'דיג, ווי מען קאָן זיך נור פיהלען מיט אַנ'אמת'ן תלמיד-חכם. דאָס וועט אָבער זיין, רבותי, מעהר נישט אַז רב מענדעלי מוכר-ספרים. דאָס וועט ניט זיין „דער זיידע".

„דעם זיידען" אויב איהר ווילט קענען, געהט מיט איהם, זייט מוחל, אַרויס העט-ווייט הינטער דער שטאָדט אַרויס, דאָרט אויף דער פרייער לופט, אונטער דער הימעל-יאַרמעלקע, דאָרט וואו עס וואַקסט א בוים, וואו עס שפּראָצט א גרעזעל, וואו עס פּיטערט זיך א קעלבעלע, וואו עס גרינט זיך א וואַלד, וואו עס דרעהט א מיהל, וואו עס לויפט א טייכעל, וואו עס קוקעט א פויגעל, וואו עס שפּרינגט א וועוויריקעל, וואו עס פלאַטערט א פערחעל, וואו עס שמוצערען היישעריקען, וואו פליעגעלעך האָבען זיך צונויפגענומען א גאַנצע חאַליאַסטרע און זשומען, און וויעגען זיך, און ווירמענען זיך, און זאָגען שירה, גיבען אָפּ א לויבעניש צו גאָט — אַהין, אַהין זאָלט איהר איהם נעהמען, וועט איהר זיך דאָרטען ערשט בעקענען מיט'ן „זיידען", וועט איהר דאָרטען ערשט געוואָהר ווערען אקוראַט, ווער דער „זיידע" איז.

איהר וועט זעהן פאַר זיך אין איין צייט אי א טיעפען דענקער, אי א מאָדנעם קינסטלער, אי א קינד פון דער נאַטור. און ער וועט זיך אַוועקזעצען מיט אייך אויף גאָט'ס ערד, אויף דער גרינער שמעקענדיגער קאָלדרע, וואָס איז בעשפּרענקעלט און בעצוויקעלט מיט אלערליי קוויטלעך. און ער וועט, קוקענדיג אין בלויען הימעל אַריין, אייך אַרויסזאָגען א טיעפען געדאַנק, און ער וועט אייך אָפּמאָלען א לעבעדיג בילד. און ער וועט אייך דערצעהלען א שענע מעשה פון אַמאָל, און ער וועט אייך זאָגען א קלוגען, שאַרפען, א יודישען וויץ, און ער וועט זיך צעלאַכען הילכיג אויף א קול, און ער וועט אייך מאַכען צו גלייכער צייט דענקענדיג און לאַכענדיג און פרעהליך, און איהר וועט זיך פיהלען אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, און עס וועט אייך באַנג טהון, פאַרוואָס איהר האָט דאָס פריהער ניט געוואוסט, און איהר וועט חרטה האָבען, פאַרוואָס איהר האָט ניט פערחאַפּט מיט זיך א בליישטיפטעל אויף צו פערשרייבען ביי זיך די דאָזיגע טיעפע געדאַנקען, מיט די דאָזיגע לעבעדי-





גע בילדער, מיט די דאָזיגע שענע מעשיות פון אַמאָל, מיט די דאָזיגע שאַרפע קלוגע יודישע וויצען. ניין. דער מענדעלי מוכר-ספרים אינ'ם לעבען איז ניט דער מענדעלי מוכר ספרים, וואָס אין בוך. מענדעלי מוכר ספרים אין לעבען איז אליין א בוך.

פון דעם דאָזיגען בוך רייס איך אויס א בלעטעל און גיב עס דיר, פריינד לעזער, היינט, צום פינף-און-זיבעציג-יאָהריגען יובילעאום פון אונזער זיידען, לכבוד אונזער אַלעמענס יום-טוב, דעם יום-טוב פון דער יודישער ליטעראַטור.

בימים ההם — אין יענער צייט, ואני באָדעסא — בין איך געזעסען אין אָדעס אויף א דאַטשע, ווייט הינטער דער שטאָדט, ביים ברעג פונ'ם שוואַרצען ים, אויפ'ן „פאָנטאַן". יאָהרען זענען געווען גוטע, (טאַלמאַטשאָוו איז נאָך דעמאָלט ניט געווען בעל-הבית...) גוטע גוטע יאָהרען! עס איז אָפּגעגאַנגען נור געסט, ליעבע גוטע געסט. און גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָב געהאַט א גאַסט — דער זיידע איז צו מיר געקומען פון שטאָדט. געקומען צו-גאַסט. דער זיידע מענדעלי מיט זיין נושא כלים, דעם פליגעל-אַדיוטאַנט, י. ח. רבניצקי.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען דעם זיידען מענדעלי אין אָדעס אָהן רבניצקי'ן — פונקט ווי עס איז שווער אייך פאָרצושטעלען זיך, למשל, א לולב אָהן א הדס, אָדער א שטאָדט אָהן א „קאַזיאָנע ראַבינער", אָדער א וואַרשעווער דאָזאָר אָהן א זוהן א משומד, אָדער אַ רוסישען פּאַרלאַמענט אָהן א פורישקעוויטש'ן... לאָז מיר הונדערט מאָל מוחל זיין מיין פריינד און מיין חבר רבניצקי פאַר דעם דאָזיגען פערגלייכען. איך האָב נישט געמיינט איהם, חלילה, פוגע בכבוד זיין. וואָס האָב איך צו איהם? נאַר — איהר ווייסט דאָך — א שרייבער אַז ער האַלט אין פערגלייכען, מאַכען פּאַראַלעלען, כאַפּט ער וואָס עס קומט איהם פריהער אויפ'ן זינען.

בקיצור, איך האָב געהאַט געסט: דעם זיידען מענדעלי'ן און רבניצקי'ן. אויסגעבאָדען זיך אינ'ם שוואַרצען ים, וואו דער זיידע האָט אונז בעוויזען, וואָס הייסט שווימען צו זעכציג יאָהר און וואָס הייסט מאַכען קונצען אויפ'ן וואַסער, האָבען מיר גענומען די פיס אין די הענד און געמאַכט א שפּאַציער פונ'ם קליינעם פאָנטאַן אויפ'ן גרויסען און פונ'ם גרויסען פאָנטאַן נאָך ווייטער — און בעת מעשה האָט אונז דער זיידע דערצעהלט מעשיות מיט מעשיות, און מיר האָבען געהערט און געוואונדערט זיך און געקוואַלען און געקליבען נחת, ווי

אמת'ע גוטע געטרייע אייניקלעך. פלוצים שטעלט זיך דער זיידע אָפּ:

— מה נאה אילן זה — וואָס זאָגט איהר אויף דעם בוים?

מיר הויבען אויף די אויגען — אַ בוים, שוין איין מאָל אַ בוים. ניט אַזוי דער בוים, ווי די באַרען! אַי באַרען! בערהאַמאָטען! קיילעכיגע, געלע, פעטע, זיסע, גלאַטע, ווייכע, הענגען אַראָפּ אויף גראָבע צוגעבּרוימטע שטעקעלעך, שיקען אַרויס פון זיך אַ ריח־ניחוח, קוקען אויף אונז פריינדליך, ווינקען צו אונז, בעטען זיך: „פערדיענט אַ מצוה, יודישע קינדער, מאַכט אויף אונז שהחינו"... און הינטער דעם בוים — נאָך אַ בוים, און נאָך אַ בוים — און אַלע אָפּגעשאָטען מיט באַרען. אַ ים מיט באַרען!

אָהן ווערטער האָט דער זיידע אָוועקגעשטעלט אויף אונז זיינע שאַרפע קלוגע אויגען דורך די גלאַנצענדיגע בּרילען און מיט אַ מעפיסטאָפעל־שמייכעל אויף די דינע בעזילבערטע ליפּען האָט ער אונז דורכגענומען דורך און דורך, ווי איינער רעדט: „קינדערלעך, איך זעה — איהר זענט בעלנים אויף די דאָזיגע באַרען?"... און גלייך, ווי מיר וואָלטען זיך אויפגערעדט פון פריהער אַלע דריי, איז געבליבּען בּיי אונז דער הסכּם, אַז מיר געהען אין גאָרטען אַריין נאָך באַרען.

יודען האָבען פיינט לאַנג טראַכטען: וואָס באַרען? ווער באַרען? וועמענס באַרען? — דאָס האָבען מיר געלאָזט פריי. מסתמא וועט זיך עס מיט דער צייט פערענטפערען. דער עיקר איז: געפונען אַ טויער, אַ גאַנג אין גאָרטען אַריין, און דאָרט — ווי וועט זיך ניט געפינען אַ בעל־הבּית, אַ סמאָראָזש, אַ גערטנער — פאַר געלד וועלען מיר שוין קריגען באַרען.

און כּן הוה. מיר האָבען געפונען אַ טויער. אויפ'ן טויער אַ בלעטעל. אויפ'ן בלעטעל — אָנגעשריבּען מיט גאָלדענע אותיות: „אַנאַטראַ"ן ווייסען מיר, הייסט עס, אַז אַנאַטראַ — דאָס איז דער בעל־הבּית פונ'ם גאָרטען.

געהערט האָבען מיר, אַז אַנאַטראַ איז אַ גרעק, און אַ פיעלפאַכער מיליאָנער, און אַ רשע. נאָר צי ער פערקויפט באַרען — דאָס איז קיינער ניט מחויב צו וויסען. עס קאָן זיין, אַז ניין, און עס קאָן זיין, אַז יאָ. ער מעג זיך זיין אַ פיעלפאַכער מיליאָנער און די באַרען פינ'ם גאָרטען זאָל ער דוקא פערקויפען. דער שכל איז דאָך מחויב: צו וואָס דאַרף עס איין מענש אַזוי פיעל באַרען?





אָט אַזוי טראַכטענדיג, טרעטען מיר אַריין פּאָוואָלינקע אין אַ מחיה'דיגען גאָרטען, שפּאַציערען איבער אויסגעפּוצטע סטעזשקעס, געפלאַסטערט מיט קליינע ים־שטיינדלעך און בעציערט פון ביידע זייטען מיט אונטערגעשוירענע ביימלעך, אונטער וועלכע עס קוקען אַרויס שמעקעדיגע בלומען, וואָס שמייכלען צו אונז און גריסען אונז גאָר פריינדליך: ברוכים הבּאים! סקאַצעל קומט! ווילקאָמען!"... און מיר געהען ווייטער און ווייטער. פלוצים... פון וואַנען האָט זיך גענומען, מיט איין איטפּעס און מיט אַ הוק, און גלייך אויף אונז — אַ הונד. אָבער אַ הונד! אַ קאַלב, ניט קיין הונד. אַ לייב. אַ לעמפּערט! אַ געלע גלאַנצענדיגע פעל. לאַפּעס ווייכע, קיילעכיגע, ווי בּיי אַ טיגער, אַ מאָרדע אַ שוואַרצע, אַ נאַסע, נאָר אַ חנ'עוודיגע, צייהן ווייסע, שאַרפע. אויגען רויטע, פייערדיגע, ווי בּיי אַ גזלן. אַ פּאַרשוין אַ הונד, נאָר אַ הונד.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר, נאָר איך — איך בין מיך מודה, וואָס האָב איך מיך דאָ צו שעמען? — איך האָב פאַר אַ הונד מורא... שייך זאָגען מורא? דאָס וואָרט מורא איז צו שוואַך אויף אַרויסצוגעבען אייך דאָס געפיהל, וואָס רופט אַרויס בּיי מיר אַ הונד. אַלע חיות אויף דער וועלט האָב איך ליעב, ליעב, גאָר אָהן אַ שום אויסנאַהמע. אַ הונד האָב איך אויך ניט פיינד. נאָר וואָס דען? איך בין מיט איהם ניט זיכער. איך, אַז איך קום אין אַ שטוב אַריין און דערזעה אַ הונד (בּיי אַ קריסט, געוועהנליך, וואָרום בּיי אַ יודען איז ניטאָ קיין הונד, און אויב ס'איז דאָ בּיי אַ יודען אַ הונד, איז דאָס ניט קיין הונד), אַזוי הער איך שוין ניט, וואָס מע רעדט צו מיר. מיינע געדאַנקען זענען דאָרטען, אַרום הונד... אַז ער געהט צו מיר צו נאָהענט און שמעקט מיך אַרום און לאַשטשעט זיך און דרעהט מיט'ן עק, איז מהיכא תיתי, זעהר פיין, מחותנים, אַבי טשעפּע מיך ניט. זאָלסט נאָר ניט אַרויפלעגען אויף מיר די קאַלטע לאַפּעס דיינע און ניט שטופּען מיר די נאַסע מאָרדע אין פנים אַריין. איך האָב דיך ליעב, פערשטעהסט דו מיך, נאָר פון דער ווייטען...

פאַר מיין חבר רבּניצקי'ן וועל איך אייך ניט זאָגען. אפשר האָט ער מורא פאַר אַ הונד נאָך מעהר פון מיר? ער וויל מיר איינרעדען אַפילו, אַז ער האָט ניט אַזוי מירא. וואָס איז די מורא? — ער האָט דען ניט קיין שירעם? אַ מין שירעם! נאָך איך האָב אייך גאָר פערגעסען זאָגען, אַז מיין פריינד רבּניצקי געהט נישט אַרויס מפּתח ביתו אָהן אַ שירעם, סיי זומער, סיי ווינטער. אַז איהר וועט זיין אין אָרעם

און חעט בענגענען אין גאס אַ יודען מיט אַ רויט שיינענדיג פנים, מיט
גוטע אַ ביסעל פערזאָרגטע אויגען, מיט אַ פערטראַכטען ווייסען שטערען
און מיט אַ שירעם אונטער'ן אָרעם, האַטש אין דרויסען איז חינטער
און דער פראָסט ברענט, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז ער, רבניצקי
הייסט עס. איך ווייס דעם סוד פונ'ם שירעם. ס'איז פאַר אַ הונד. אי
די קשיא: פאַר אַ הונד איז גאָר גוט אַ שטעקען? — האָט נאָר נישט
קיין טבע פרעגען קשיות.

הקיצור, מיר ביידע, איך און מיין חבר רבניצקי, אַז מיר האָבען
דערזעהען דאָס בעשעפעניש מיט'ן אָפענעם מויל גלייך אויף אונז, האָ-
בען זיך אונזערע נשמות אָפגעטיילט פונ'ם גוף. אונזער ערשטער געדאַנק
איז געווען: לויפען! סאיז אָבער גוט צו לויפען, אַז ס'איז דאָ פיס.
וואָס וועט איהר טהון, אַז די פיס האָט מען ביי אייך אונטערגעהאַקט
אַקוראַט ביי די קנעכלעך, און דאָס האַרץ הענגט ביי אייך אויף אַ פאָ-
דעם, און די האָר שטעהען קאַפויר, און די אויגען — אָט-אָט שפּרינ-
גען זיי אַרויס פון שטערן? ליעבער פריינד, איהר האָט אונז ניט וואָס
מקנא צו זיין, וואו מיר האָבען ערגיץ אַ שונא, רבונו של עולם, זאָל ער
איבערגעהן אויף דעם שטאַנד, אין וועלכען מיר ביידע האָבען זיך גע-
פונען אין יענער מינוט.

און דער זיידע? — יענעם מאָמענט וועל איך קיינמאָל ניט פער-
געסען. ווי נאָר דער כלב האָט געעפענט דאָס מויל און אַ וואָרף
געגעבען זיך אויף די אומגעבעטענע געסט, אַזוי האָט דער זיידע צו-
גויפגעלענט די הענד אויפ'ן האַרצען, צונויפגענומען די ליפען מיט אַ
שמייכעלע, אַריינגעקוקט אַ ווײַלע דעם הונד אין די אויגען אַריין און
אויסגעשאָסען אַ געלעכטער מיט אַ הילך, —איך מעג שווערען, אַז דער
כלב האָט פערשטאַנען דאָס געלעכטער. און ניט נאָר פערשטאַנען —
ער האָט זיך געפונען ווי בעליידיגט. אַ קענען אַ האַלבע מינוט זענען זיי
אַזוי געשטאַנען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע און געקוקט זיך גלייך אין
די אויגען אַריין, און אפשר נאָך ווינציגער ווי אַ האַלבע מינוט. נאָר
ביי מיר האָט זיך עס געצויגען אַיין אייביגקייט. דאָס איז געווען אַ
שווערער, אַ קריטישער מאָמענט. אַ מענש און אַ חיה האָבען זיך בעגע-
געגענט און געמאָסטען איינס דאָס אַנדערע מיט'ן קוק, ווער וועמען
חעט גובר זיין... נאָכדעם איז דעם הונד, אַ פנים, נמאס געוואָרען די
גאַנצע מעשה, האָט ער אַראָבגעלאָזט די פייערדיגע גזלנ'ישע אויגען
זיינע, האָט געגעבען אַ געהניץ מיט'ן גאַנצען מויל, זיך בעלעקט או-





יסגעצויגען, אויסגעטרייסעלט די געלע גלאַנצענדיגע פעל, זיך אויס-
געקערעוועט צו אונז, נאָר אָהן אַ שום דרך-ארץ, מיט'ן הינטען און
שמעקענדיג מיט דער נאָז זיינע איינענע טריט, האָט ער זיך געלאָזט
געהן זיין וועג.

יענעם טאָג האָבען מיר געגעסען בּאַרען, נישט קיין שלעכטע
בּאַרען. נאָר דאָס זענען געווען בּאַרען, וואָס מיין חייב האָט געבראַכט
צופיהרען פון שטאָדט.

א. רייזין.

# „די קליאטשע".

א. רייזען.

# „די קריאטשע".

געווידמעט יעם ווידען מענדעלי
צו זיין 75 יעהריגען יובילעאום.

---

.I

דער ראַקאָווער דרדקי־מלמד האָט געהאַט גאָר ניט וועניג תלמידים, װייל ער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ בעל־מדקדק און איז געווען דער איינציגער מלמד אין שטעדטיל, וואָס האָט געטראָגען אַ געפּרעסטע העמד מיט אַ קראַגען, האָטש אָהן אַ שניפּס, און אַזוי ווי דאָס שטעדטיל האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבען רעפאָרמירען, האָט דער האַרטער קראַגען אַ סך מיטגעווירקט, אַז בעלי־בתים, וואָס זענען מעהר געניגט צו „בילדונג", זאָלען איהם אָבגעבען זייערע קינדער צו לערנען עברי און אָנפאַנג חומש.

און דאָך איז איהם דאָס קנעלען אַליין וועניג געווען צום לעבען, װייל דער ראַקאָווער מלמד, אויסער די פּיסעל דקדוק זיינע און אויסער דעם געפּרעסטען העמד מיט'ן קראַגען, האָט געלעבט ווי אַ מענש. ער איז געווען דער איינציגער מלמד, וואָס האָט געהאַט אַ סאַמאָוואַר און געטרונקען פּאָפּאָוו'ס טהיי — אַזוינס, וואָס ניט יעדער בעל־הבית,

אפילו פון העברען גראד, האט זיך עס ערלויבט. צו לעבען ווי א מענש איז קנעלען אליין ווייניג געווען און דער ראקאווער מלמד האט געהאט נאך א זייטיגע הכנסה: מעשה=ביכלעך

עס הייסט ניט, אז ער האט אליין פערפאסט מעשה=ביכלעך, אזא קענער איז ער ניט געווען, כאטש אין יענער צייט זענען געווען גאנץ פיעל מלמדים, וואס האבען זיך געריבען ארום ליטעראטור... ניט דאס בין איך אויסען... דער ראקאווער מלמד האט אין אויבערשטען שופלאד פון זיין קאמאד געהאט א זעכציג=זיעבציג ביכלעך אויף עברי=טייטש פאר די שטעדטישע מיידלעך, וואס האבען ביי איהם גענומען יעדען פרייטאג א ביכעל אויף שבת.

צווישען די פיעל לעזערינס=מיידלעך איז געווען דער איינציגער לעזער=יונגעל — איך אליין. איך ווייס ניט פון וואנען האט זיך ביי מיר גענומען די דאזיגע תשוקה, נאר א לעזער בין איך געווען א מתמיד. ווען איך וואלט אזוי פיעל געוואלט לערנען, ווי לייענען די מעשה=ביכלעך, וואלט איך געווים אויסגעוואקסען דער גרעסטער רב און ווער ווייסט, צי וואלט מאקע פאר מיר בעסער ניט געווען... ניט דאס בין איך אויסען...

כאטש איך האב געהאט צייט א גאנצע וואך און ניט דוקא ווי די יודישע טעכטער — נור שבת אליין, דאך פלעג איך פרייטאג נאך האלבען טאג אויך קומען נאך א ביכעל און פלעג שיער ניט בטל בששים ווערען צווישען די מיידלעך, וואס האבען אנגעפילט דאס חדר פון ראקאווער מלמד.

די דאזיגע מיידלעך האבען מיך שוין גוט געקענט, און כאטש איך בין געווען א בחור'ל פון א יאהר 13, האב איך שוין געוואוסט וואס הייסט ליעבע — ערשטענס טאקע די ראמאנען, וואס איך האב געלעזען זינט 11 יאהר און, צווייטענס, מיין אייגענער כח הדמיון... אט צווישען די מיידלעך=לעזערינס האב איך געהאט א צווי=דריי, אין וועלכע איך בין געווען שטארק פערליעבט. אין וועלכער שטארקער — האב איך אליין ניט געקאנט אונטערשיידען.

ביי די דאזיגע מיידלעך בין איך געווען דער וועג=ווייזער, כאטש זיי זענען אליין אויך געווען גענוג בעהאוועגט אין דער דעמאלדיגער ליטעראטור, אבער צו מיר האבען זיי זיך ניט געקאנט גלייכען. עס זענען געווען אזוינע מעשה=ביכלעך, וואס איך האב דורכגעלעזען צו





צוועלפטע מאל, אזוי אז איך האב די גאנצע געשיכטע געקאנט איבערדערצעהלען.

דערפאר פלעגען זיך איינינגע פון די דאזיגע מיידלעך ווענדען צו מיר מיט עצות.

— וואס זאגסטו, זאל איך נעהמען דעם „בלינדען בעטלער".

איך פלעג נעהמען דאס ביכעל אין דער האנד, בעטראכטען און, מורא האבענדיג פאר'ן ראקאווער מלמד, פלעג איך אנטרעטען בגנבה אויפ'ן פוס, דאס האט געהייסען: נעהם אנ'אנדערס.

און מיט א פריינדליכען שטומען שמייכעלע האט מיר דאס מיידעל אבגעדאנקט און דער דאזיגער שמייכעל האט מיך געווארימט דעם גאנצע שבת.

.L.

אויב איך האב געהאט פערנייגען פרייטאג האבענדיג עסקים מיט די מיידלעך ביי די ביכלעך נעהמען, פלעג איך דערפאר גענוג אויסשטעהן צרות פאר דיזעלבע ביכלעך אין דער=היים.

מיין טאטע, א יוד, וואס האט געזוכט א תכלית, האט ניט געלאזט מיך די ביכלעך לעזען און, כאפענדיג מיך ביי א מעשה=ביכעל, פלעגט ער זיך ווארפען צו מיר:

— דו לייענסט ווידער די פארישקייטען! איך וועל דיר זיי צוריסען אויף פיצלעך.

און די מאמע פלעגט אונטערהעלפען:

— עס קאסט דאך איהם יעדעס ביכעל דריי קאפיקעס פראקאט.

— איך בין איהם מוחל די דריי קאפיקעס... פלעגט דער טאטע ווערען בייז — דער עיקר, ער טהוט גארנישט... ארייננעמהון זיך אין די נארישקייטען, און נאר. וואלט ער כאטש געלייענט אויף לשון=קודש, איז עפים אנדערש. קומט איהם צו כאטש טייטש=ווערטער,

קען ער דעם לשון... קאָן ער עפּיס האָבען אַ נוץ דערפון, אָבער דאָס — גאָרנישט, — מעשה־ביכלעך אויף עברי־טייטש.

און אַריינקומענדיג אין צאָרן, פלעגט ער אַ חאַפּ טהון דאָס ביכעל און בעהאַלטען ביזוערענדיג זיך

— אוים מעשה־ביכלעך.

— דאָס ביכעל פלעגט ער מיר אין אַ פּאָר טעג אַרום אָבגעבען. ביים אָבגעבען אַליין אַ בלעטער טהון דאָס ביכעל, אַ לעז טהון פאַר זיך דוקא דאָס סאַמע גערדיכטע, וואו רייזע קושט זיך מיט אַדאָלף'ן, רויט ווערען און ווי אַ פערשעמטער מיר אָבגעבען מיט די ווערטער:

— נעה שוין, טראָג אַוועק אָט די נבול־פּה און מהיום והלאה זאָלסטו ניט וואַגען די אשפּה צו ברייגגען אין שטוב.

## III.

מאַכט זיך אין אַ האַלב יאָהר אַרום אַ מעשה, אַז דער ראַקאָווער מלמד ווערט עפּיס ברוסט־ליידענד און פאָרהט אַוועק אין דער גובערניע אַריין צו אַ מומחה אַ דאָקטאָר און כדי אויסצושלאָגען די הוצאות האָט ער דאָרט געקויפט אַ ניי פּעקיל ביכער פאַר אַ רובל צוואַנציג.

קומענדיג צוריק פון גובערניע, זאָגט ער מיר גלייך אָן די שמחה: איך, וואָס האָב שוין ניט געהאַט ביי איהם וואָס צו לייענען באמת און וואָס פלעג אַריינגעהן נור פרייטאָג צוליעב מיינע דריי געליעבטע, ראַט־העז זיי וואָס צו נעהמען, — איך בין מלא שמחה און בעט איהם, ער זאָל אַזוי גוט זיין מיר ווייזען.

— דאָס זענען אָבער נאָר אַנדערע מינים ביכלעך. פאַר דריי קאָפּיקעס פראָקאַט קאָן איך זיי ניט געבען, — זאָגט דער ראַקאָווער מיט אַ מינע פון אַ סוחר, וואָס האַלט, אַז זיין סחורה איז אויסער קאָנ־קורענץ און דער קונד וועט מוזען צו איהם אָנקומען.

— מילא, מיר וועלען זיך ניט דינגען, — פערזיכער איך איהם און ביי מיר ווערט שוין געבוירען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו קריגען אַ מטבע אין שטוב..





דער ראַקאָווער מלמד האָט אָבער צוזאַמען מיט די ביכלעך גע־בראַכט אַ גזרה:

— פאַר די ביכלעך מוז מען געבען זאַלאָג... און איז גלייך מוסיף:

— איך האָב געבראַכט איין ביכעל, וואָס זאַלאָג אַליין פאַר איהם דאַרף מען לאָזען פינף קערבלעך!

— פינף קערבלעך! שפּרינג איך אינטער.

— דאָס איז אַ ביכעל, וואָס מען זוכט, פערשטעהסטו מיך, — קוקט מיך אָן דער ראַקאָווער מלמד מיט אַ זיעגער־שמייכעל... דאָס איז אַ ביכל, וואָס מען צאָהלט פאַר איהם אַ האַלב קערביל פאַר איבערליי־ענען אַליין... דאָס איז, פערשטעהסטו מיך, „די קליאַטשע" פון אַבראַ־מאָוויטש...

— די „קליאַטשע", וואָס איז דאָס אַזוינס? אַ וויך אַ ראָמאַן? — פרעג איך תמ'עוואַטע...

— ביזט נאָך אַ יונגעל — לאַכט פון מיר דער ראַקאָווער מלמד.. אַבראַמאָוויטש מאַכט ניט קיין ראָמאַנען... דו גיב אַ פרעג טאַקע דיין טאַטען, וועט ער דיר זאָגען...

— דער טאַטע, פערוואונדער איך זיך... דער טאַטע לאָזט מיך אפילו אַ ביכעל ניט נעהמען, — בין איך מיך מודה פאַר פערחירונג און האָב גלייך חרטה...

— אַ מעשה־ביכעל ניט און די „קליאַטשע" יאָ... פון דער „קליאַטשע" ווייסט דיין טאַטע... דיין טאַטע האָט געלערנט אַמאָל אין וואָלאָזשין? — ניט ער מיך פּלוצים אַ פרעג.

חאָטש איך פערשטעה ניט, צו וואָס ער פרעגט מיך, נאָר אַזוי ווי איך ווייס, אַז מיין טאַטע האָט יאָ געלערנט אין וואָלאָזשין, ענט־פער איך: יאָ!

— אויב יאָ, ווייסט ער פון דער „קליאַטשע". און זאָג איהם טאַקע, אַז די „קליאַטשע" האָב איך געבראַכט פאַר אַזוינע מענשען ווי דיין טאַטע... זאָל ער אַריינגעהן, וועלען מיר מושוה ווערען..

איך קאָן ניט פערשטעהן, פון וואַנען איז ער אַזוי זיכער מיט מיין טאַטען, וואָס איז אַזוי אָנגעשטויסען אויף ביכלעך, נאָר דער זיכערער טאָן פון ראַקאָווער מלמד ווירקט אָזוי אויף מיר, אַז איך קום אַהיים און שיס גלייך אוים:

— טאַטע, דער ראַקאָווער מלמד האָט געזאָגט, אַז ער האָט פאַר דיר געבראַכט די „קליאַטשע"...

אין שטוב לאַכען זיך אַלע, אויסער'ן טאַטען, פונאַנדער...

די מאַמע רופט אויס:

— דער בחור איז משוגע געוואָרען פון די מעשה-ביכלעך.

נאָר דער טאַטע פערשטעהט עפּיס יאָ און ניט און ווענדט זיך צו מיר געלאַסען:

— קום אַהער, דערצעהל פּאַוואָלי...

איך בלייב דערשראָקען צוליעב דער פערקאָכטער קאַשע און פון שרעק פרעג איך איבער דעם ראַקאָווערס שאלה:

— דו האָסט דאָך געלערענט אין וואָלאָזשין?...

— ביזט משוגע, צי חסר דעה, — לאַכט דער טאַטע און שטעהט צו, איך זאָל ריידען קלאָרע דבורים.

איך בערוהיג זיך אַ ביסעל און דערצעהל די מעשה שוין פּינקטליכער.

— דער ראַקאָווער מלמד האָט געבראַכט אַ ניי ביכעל, די „קליאַטשע"... ער זאָגט, אַז דו ביזט אַ מבין אויף אַזוינע זאַכען...

— אַהאַ... פערטיעפט זיך דער טאַטע, ווערט ערנסט, אָבער גוטמיטהיג און רופט זיך אָן:

— די „קליאַטשע" האָט ער געבראַכט... ווי אַזוי האָט ער זי געקראָגען, אַז שוין אַ יאָהר צעהן, אַז מען זעהט זי ניט... זעה אַקאָרשט, — ווענדט ער זיך צו מיר נאָר ניט מעשה-טאַטע, נאָר מעשה-חבר.

— ער האָט געזאָגט: די „קליאַטשע" פון אַבראַמאָוויטש... פערזיכער איך, געריהרט פון טאַטענ'ס ווייכקייט...

— דאָס איז אַנ'ענין — רופט זיך אָן דער טאַטע און איך זעה, ווי זיינע אויגען לייכטען איהם — איך האָב זי אַפילו געליעענט, רעדט ער ווי פאַר זיך, אָבער איך וואָלט געוועזן אַ בעלן זי נאָכאַמאָל זעהן...

— ער וועט זי דיר געבען פאַר אַ האַלבען רובל... דערקלער איך...

— מעהר פעהלט ניט, פטר'ן אַ האַלבען רובל אויף נאַרישקייט. מישט זיך אַריין די מאַמע, פאַרענדיג זיך אַרום אַ טעפּעל...

— קיין נאַרישקייט איז דאָס דוקא ניט — רופט זיך אָן דער טאַטע... די „קליאַטשע" איז שוין דוקא נישט קיין נאַרישקייט... נאָר





אַ האַלבער רובל איז אַ סך... אַ פערטעלע זאָג איהם... נור אויף איבער שבת...

איך פליה אַרויס הענדום-פענדום צום ראַקאָווער און גיב איהם איבער בסוד, אַז מיין טאַטע אַליין בעט די „קליאַטשע", נאָר ער גיט נישט מעהר ווי אַ פערטעלע... נור ביז זונטאָג.

דער ראַקאָווער מלמד קווינקעלט זיך אַ ביסעל, זאָגט אָבער, אַז צוליעב דעם טאַטען טהוט ער דאָס און גיט אַפילו אָהן זאַלאָג.

— נור היטען דאָס ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

איך זאָג איהם צו, אַז איך וועל אָפּבריינגען נאָך נייער ווי זי איז...

און חאַפּ זיך אַרויס אויף דער גיך, וויל מיר דאַכט זיך, אַז דער ראַקאָווער קאָן נאָך חרטה האָבען.

אַריינגעקומען מיט'ן ביכעל אין שטוב אַריין, זעה איך, ווי דער טאַטע וויל זיין גלייכגילטיג, אָבער ער קאָן ניט. ער נעהמט מיר אַנט-קעגען צו דער טהיר, חאַפּט כמעט אַרויס דאָס ביכעל, עפּענט אויף און לעזט דעם שער:

„די קליאַטשע".

און אַ שמייכעל צוגיסט זיך אויף זיין פּנים און באַלד הער איך ווי ער זאָגט:

„געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר-ספרים".

און דער שמייכעל ווערט נאָך ברייטער און פרייער. קיינמאָל האָב איך דעם טאַטען ניט געזעהן שמייכלענדיג.

— עס איז טאַקע אַ גוט ביכעל? — ווער איך מוטהיג און פרעג דעם טאַטען.

— אַ גוט ביכעל פרעגסטו? — פערגעסט זיך דער טאַטע, אַז ער רעדט דאָס מיט זיין אייגענעם יונגעל און דערקלערט מיר, אַז דאָס איז נישט קיין מעשה-ביכעל, „נאָר אַ משל, פערשטעהסט, אַ משל"...

ער עפּענט אויף ווידער און לעזט די קליינע ווערטעלעך פון דער מאַטאָ:

„לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך, רעיתי".

און גיט שמייכלענדיג צו:

— „די קליאַטשע האָב איך געליעענט אין וואָלאָזשין טאַקע...

איך קריג פאַר דאָס ביכעל גרויס אָבשיי און בעשלים, ווי נור דער טאַטע לעגט זיך שלאָפען, וועל איך דאָס אַליין דערלעזען ביז אין

דער-פריה... ווייזט זיך ארויס, אז איך האָב מיך טועה געווען. ווי עס האָט געהאַלטען ביי ליכט-צינדען און די מאַמע האָט זיך שוין אָנגעטהון לכבוד שבת און דאָס שמייכעל פון ליכט-בענטשען איז שוין געווען אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים, רופט זיך אָן דער טאַטע, איינבויגענדיג זיך צו דער לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש צווישען די לייכטער:

— ניס אַריין נאָך אַ ביסעל „גאַזע" אין לאָמפּ...

דאָס האָט בעדייט, אַז דער טאַטע וועט היינט זיצען שפּעט און לייענען די „קליאַטשע"...

און אַזוי איז טאַקע געווען...

אַז דער קנויט אין לאָמפּ האָט שוין ניט געהאַט קיין יניקה און דאָס פייעריל האָט קוים, קוים בעלויכטען דאָס טישעל, איז דער טאַטע נאָך אַלץ געזעסען געבויגען און געלייענט די „קליאַטשע"...

---

# ש. אַש

# מענדעלי מוכר-ספרים

עס איז דאָ ביי מענדעלי מוכר ספרים אַ העלד, פאַר וועלכען איך האָב פון תמיד אָן געהאַט גרויס דרך־ארץ, פאַר וועלכען איך האָב געהאַט גרויס אָבשיי און האָב מיט עהרפורכט נאָכגעקוקט פון דערווייטענס זיינע טריט, ווי ער געהט אַרום צווישען אונז און זעהט אַלץ און הערט אַלץ און פערצייכענט זיך אַלץ.

דער העלד איז מענדעלי מוכר ספרים אַליין.

האָט איהר איהם נישט געטראָפען אויף אייער וועג? געהט ער דען נישט ווי אַ לעגענדע אַרום צווישען אונז? זעהט איהר איהם דען נישט יעדען זומער אין סליחות־צייט מיט זיין פערד און וועגעלע, מיט זיינע ספרים אין שוהל־געסעל אַריינ־פאָהרען? און אַז אַ יוד געהט אין גרויען פריה-מאָרגען מיט'ן טלית און תפילין הינטערן אָרעם פון זיין שטוב אַרויס אין בית־המדרש אַריין, דער גרויער מאָרגען הויבט ערשט אָן צו פערטרייבען די נאַכט פון שטעדטיל, און מיט אַמאָל דערזעהט ער—פון וועג קומט אָן אַ וועגעלע צופאָהרען, אַ מענדעלי מוכר ספרים זיצט און פיהרט זיינע ספרים איבער יודישע שטעדטליך אַרום,—און עס דאַכט זיך איהם, אַז נישט איין מענדעלי מוכר ספרים איז דאָ, נור אַ סך, אַ סך מענדעלעך פאָהרען איבער די יודישע שטעדט אַרום: און יודען זענען דאָס גאָר פון אַנ'אַנדער וועלט, נישט פון דער, אויף וועלכער מיר לעבען, נור זיי קו־מען אָן פון יענער וועלט, פון וועלכער עס דערצעהלט זיך אין די „מעשה־ביכלעך". זיי גרעניצען מיט די גן־עדן־התחתונ'ס און

די סמבטיונס. דאָרט, וואו די „רויטע יודעלעך" וואוינען—פון דאָרט קומען זיי אָן, די מענדעלעך.

זיין אָנפאַנג איז אין דער לעגענדע.

ווען אונזער ליטעראַטור וואָלט נישט דערגאַנגען צו דער צייט, ווען מען שרייבט־אויף די נעמען פון די שרייבערס, ווען מען פערצייכענט זייערע פערדיענסטען און מען מאַכט זיי יובילעאומס, נור אין דער צייט פון די שלמה גרייגערערס און פון די מחברים פון די „בן מלך'ס" און בת־מלכה'ס", פון די „חברה־קדישא־סעודות" און „מעשה בג' אחים", ווען מענדעלי מוכר ספרים וואָלט געווען אין דער פאַר־היסטאָרישער צייט פון אונזער ליטעראַטור,—וואָלט די לעגענדע פון מענדעלי'ן נישט געווען זיינע ווערק—נור ער; וואָלט מענדעלי מיט זיין שיין פערדונקעלט די ווערק זיינע; וואָלטען צו אונזערע טעג דערגרייכט נישט זיין „פישקע דער קרומער", נישט זיין „קליאַטשע", אויך נישט זיין „קליין מענשעלע",—נור „מענדעלי מוכר ספרים" אַליין. מיר וואָלטען געהאַט אַ לעגענדע פון אַ יודעל „מענדעלי מוכר ספרים", וועלכער איז מיט זיין פוהר און וועגעלע אַרומגעפאָהרען איבער יודישע שטעדט און שטעדטליך און אויף אַלע געהאַט אַן אויג. ער האָט די פעלדער געזעהן, די הימלען און דאָס וואַסער, די וועלדער פערשטאַנען, די בוימער און די וואָלקענס, און מיט אַלע זיך דורכגערעדט, און פאַר אַלע אויסגעגאָסען זיין יודיש האַרץ; און מיט זיין פערדיל זיך דורכגעשמועסט און מישב געווען זיך דערמיט וועגען כלל־ישראל; דאַן וואָלט מען איהם געטראָפען אין טלית און תפילין פאָהרענדיג אָדער שטעהענדיג הינטער אַ בוים אויפן וועג און דאַווענען, און זיין פערדיל פאַשעט זיך נעבען איהם; דאַן וואָלט מען איהם געטראָפען אין יודישע קרעטשמעס זיך אויפהאַלטען. און די לעגענדע וואָלט דערצעהלט פון איהם, ווי ער האָט זיך אין סליחות־צייט אין די יודישע שטעדטלעך געוויזען, אין בית־המדרש פערפאָהרען, זיין פאַק ספרים אויסגעלעגט, מיט יודישע קינדער געהאַנדלט, מעשה־ביכלעך זיי פערקויפט—און דערוויילע אונטערגעהאָרכט, וואָס הערט זיך ביי יודען, ווי אחינו בני





ישראל לעבען, און וואָלט דערנאָך אַלץ פאַר זיין פערדיל אויסדערצעהלט, פאָהרענדיג איבער פעלדער און וועלדער. אין מיטען וואָלט ער אַ וואָרט אַריינגעהאַקט וועגען גאָט'ס וועלט אויך—ווי די בוימער דאַווענען און די גרעזעליך וואַקסען הינטער דעם מלאך'ס רוט, וועלכער שטעהט נעבען יעדען גרעזעל, און בויט עס צו וואַקסען. און דערצעהלט וואָלט ער, ווי גאָטס הימעל זעהט אויס איבערן שטעדטיל, אין אַ טאָן אַ גאַנץ יודישען, מיט אַ יודישען טעם, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ יודען, ווי מענדעלי מוכר ספרים איז, בעת ער רעדט זיך דורך מיט זיין פערדיל. און נישט איין מענדעלי מוכר ספרים וואָלט געווען, נור אַ סך מענדעלעך, מיט איין מאָל וואָלט ער זיך געוויזען אין אַלע יודישע שטעדטליך... ווי אַ גייסט וואָלט ער ערשיענען, אויף זיין מאַנטעל ליעגט דער הויך פון הייליגען שטויב, און אין איהם איז איינגעהילט דער הייליגער סוד פון דער לעגענדע.

מענדעלי מוכר ספרים האָט געשאַפען די שענסטע יודישע לעגענדע פון דער לעצטער צייט, אָבער נישט אין זיינע ווערק, נור אין זיין פערזאָן אַליין.

---

אַז איך בין נאָך אַ יונגעל געווען, בין איך, מיט אַלע יונגלעך צוגלייך, אין די סליחות־טעג, פון מיין חדר געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין. דאָרט איז געשטאַנען דער יוד מיט זיין טיש ספרים אויסגעשטעלט, וועלכער פלעגט תמיד די טעג אָנקומען צופאָהרען מיט זיין פערד און וועגעלע אין אונזער שטאָדט אַריין, און האָב ביי אים, פאַר די פאָר גראָשען, וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבען, יודישע ספרימלעך געקויפט. איך געדענק, אַז אויף קיין זאַך איז מיר ביי מיין מוטער ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג אַ פאָר גראָשען אַרויסצוקריגען, ווי אויף ספרימלעך. דערמיט האָב איך זי גענומען. קוים האָב איך אַרויסגעזאָגט, אַז איך וויל אַ פאָר גראָשען אויף ספרימלעך צו קויפען—האָט מיין מאַמע באַלד די גראָשענס אַרויסגענומען פון איהר

סאַש און זיי מיר איבערגעגעבען מיט אַ תשואת־חן, מיט אַ אונגעהויערער צופריעדענקייט, וועלכע האָט אויסגעדריקט שטאָלץ אויף איהר קינד, וואָס קויפט זיך שוין ספרימלעך.

פאַר דער טהיר פון בית־המדרש האָט זיך געפּאַשעט דאָס פערדיל. און, ווי מענדעלי בעשרייבט, זענען טאַקע חדר־יונגלעך אַרום געשטאַנען און אַרויסגעצופּט די האָהר פון דעם אַזוי אויך שוין אָרימען עק.—דאָס פוהרעל מיטן פערדיל איז עפּיס געווען אַ קהלשע זאַך, און אַזוי ווי ביי מענדעלין איז געשריבען, האָבען מיר, חדר־יונגלעך, עס געפיטערט מיט אונזערע מאכלים; נישט איין האַלבען בייגעל, איבער וועלכען אַ יונגעל האָט געהאַט אַ ברכה געמאַכט, האָט דאָס פערדיל אויפגעגעסען... אין בית־המדרש ביי זיין טיש און זיינע ספרים איז געשטאַנען דער יוד, וועלכער האָט זיך געפיהלט אין בית־המדרש גאַנץ היימיש. דאָרט, פאַרן עמוד האָט מען אַ קדיש אָפּגעזאָגט, און ער איז זיך געשטאַנען ביי זיין טיש און האָט זיך אויף אַ מאַשינדעל אַ יאַיכעל געקאָכט—ער מעג; דאָס בית־המדרש איז זיין היים. וויפיעל קדושות האָט דאָס קאָכענדע יאַיכעל זיך אָנגעהערט, וויפיעל קדיש־יתומס! שוין דענסטמאָל פלעג איך ביי דעם יודען, צווישען אַנדערע מעשה־ביכלעך, „מעשה בג׳ אחים“ און „יוסיפון“ און „מעשה משתי קצבים“ קויפען מענדעליס אַ ביכעל אויך. איך האָב דענסטמאָל זעהר געגלויבט אין אַלץ, וואָס די ביכלעך שרייבען, און האָב טאַקע געגלויבט, אַז אַזאַ מענדעלי איז דאָ במציאות, און אויף יעדען מוכר ספרים, וואָס איז געקומען אין אונזער שטעדטיל אַריין, האָב איך געגלויבט, אַז דאָס איז עס דער „מענדעלי“ אַליין. שפּעטער האָב איך געוואוסט, אַז דער ריכטיקער מענדעלי איז אין אַנדערע שטעדטליך אַרומגעפאָהרען, און איך האָב אַלץ געוואַרט, ווען וועט ער אונזער שטעדטיל פערפאָהרען. פון דענסטמאָל האָב איך זעהר געגלוסט מענדעלין צו זעהן.

איך בין דערנאָך עלטער געוואָרען און אַליין אַ שרייבער געוואָרען און דערוואוסט זיך, אַז נישט אַלץ, וואָס אין די ביכלעך שטעהט, איז אמת, נור מענדעלין האָב איך אַלץ נאָך געגלוסט צו זעהן, צום ערשטען מאָל איהם צו טרעפען אין אַזאַ יודיש שטעדטיל ביי אַ שטענדער ספרים. דאָס מזל האָט אָבער אַזוי נישט געוואָלט, און מיר איז געווען בעשערט צו בעגעגנען מענדעלי׳ן אין זעהר נישט קיין יודיש אָרט, און אין אַ גאַנץ אַנדער סביבה, צווישען אַנדערע „פעלדער“ און אַנדערע „וועלדער“, ווי מענדעלי בעשרייבט.





●

דאָס איז געווען פאַר עטליכע יאָהר*) איך האָב געוואוינט אין דער שווייץ אין ציריך און בין געוואָהר געוואָרען, אַז מענדעלי וואוינט אין גענף. איך בין געפאָהרען צו איהם קיין גענף, און האָב איהם אַהין געפיהרט אַ מתנה מיין „שטעדטיל“, וואָס איז דאַן נישט לאַנג געהאַט ערשיענען. צו מענדעלי׳ן בין איך געפאָהרען דורך די שווייצער-בערג, איבער די שווייצער־זעען. עס איז גראָד געווען אין „יענע טעג“, אין חודש אלול. ביי אונז אין די שטעדטליך שאַלט שוין דער קול־שופר, און די מענדעלעך ווייזען זיך שוין. און דאָ פאָהר איך אין אַ שווייצער־שטעדטיל, אין אַ פריה-מאָרגען, דער נעבעל ליגט נאָך איבער די בערג, און פון די בערג הערט זיך דאָס קלינגען פון די גלעקלעך, וואָס הענגען אויף די העלזער פון די קיה, און דאָ הערט זיך דאָס בלאָזען פון דעם פאַסטוך׳ס האָרן, און די גאָרגעל־שטים פון אַ שווייצער־מויד. דאָרט מוזען שוין די פרעמדע מוהמעס קומען צופאָהרען פון דער פרעמד אויף די קברים פון די אבות, בעטען „את המתים בעד החיים“,-און דאָ פאָהר איך איבער דער גענפער זעע, דאָס וואַסער איז ווי אַ דורכזיכטיגער בלויער הימעל־וואָלקען, גלאַנצט זיך אויף דער זון, און אַרום און אַרום איז די וועלט אַרומגעשלייערט אין אַ ליכטיגען דורכזיכטיגען נעבעל, און פאַר מיר לייכט זיך דער

*) דער אַרטיקעל איז געשריבען געוואָרען צו מענדעלעס 75 יאָהריגען יובילעאום אין יאָהר 1910 און פערעפענטליכט אין אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון „פריינד“.

גלענצענדער שניי אין דער זון אויף דעם שפּיץ פון „מאָנבלאַן".
איך דרעה מיך אַרום איבער די גענפער גאַסען. מען רעדט פראַנצויזיש, און געה פרעג זיי וואו עס וואוינט דאָ אונזער מענדעלי מוכר ספרים. און היינט האָבען מיר אלול־טעג...

דאָך זיך דערפרעגט, קום אַריין, די דיענסט מעלדעט מיך אויף רוסיש, און מען פיהרט מיך אַריין, און איך בלייב שטעהן פאַר אַן'אַלטען מאַן מיט אַ איבסען־געזיכט.

איך מוז זאָגען דעם אמת, אַז דענסטמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נישט דאָס איז דער מענדעלי מוכר ספרים, דאָס איז נור זיין משל, דער ריכטיגער מענדעלי מוכר ספרים, דער אמת'ער מענדעלי איז ערגיץ העט, העט אין די יודישע שטעדט־ליך, און פיהרט אַרום זיין פוהר'ל מיט ספרים און האַנדעלט אונטער מיט יודישע קינדער.

ווי דען אַנדערש? - היינט איז דאָך אלול־טעג... אָ, פיעל האָט ער צו טהון!...

נור שפּעטער, ווען מיר זענען געבליבען אַליין, און איך האָב איהם פאָרגעלייענט אַ קאַפּיטעל פון „שטעדטיל" און ער איז געזעסען צוגעמאַכט די אויגען און צוגעשאָקעלט מיר מיט'ן קאָפּ—האָב איך איהם דערקענט: אין זיינע לאַנגע גלייכע קניי־טשען פון זיין הויכען שטערן, אין זיין ערנסטען שמייכעל— דאָס איז ער דאָך, דער אַלטער בעקאַנטער מענדעלי פון אונ־זער שטעדטיל, פון אַמאָליגע קינדער־יאָהרען,—דאָס איז ער דאָך, דער אַלטער בעקאַנטער.

וואָס טהוט ער דאָ? היינט, אין אַזאַ צייט, אין די אלול־טעג? אין די יודישע שטעדטליך—אָ, פיעל איז דאָ צו טהון!..

---

אַז איך בין דערנאָך צוריקגעפאָהרען, האָב איך געלייענט זיינע קליינע העברעאישע נאָוועלען. איך האָב שוין נישט גע־זען די גלענצענדע וועלען פון גענפער זעע, דאָס גיסענדע ליכט פון מאָנבלאַנער שניי, איך האָב זיך צוגעהערט צו מענ־





דעלי'ס לשון קודש, און איך האָב דאָס געפיהל געהאַט, עס איז שבת־צו־נאַכט, די צוויי ליכט פון הבדלה ברענען זיך אויפן טיש און איך הער מיין פאָטער'ס קול, וועלכער זיצט מיט זיין גרויער באָרד ביים טיש, און ביים שיין פון די צוויי הבדלה־ליכט הער איך איהם מיט זיין שטים מדרש־לערנען פון אַ גרויס, גרויס ספר אַרויס...

בן־עמי

# ר׳ מענדעלי שבעל פה

זעער גרויסער שרייבער ליידיגט ניט אויס איינגאנצען זיין נשמה אין זיין שרייבען. נישט תמיד וויל ער און אויך נישט תמיד קאן ער ארויסגעבען אלץ, וואס ער פיהלט, דענקט און זעהט. און דעריבער, אז מען קען נאר די שריפטען, קען מען נאך ניט איינגאנצען דעם שריפטשטעלער. אויסער דעם שריפט־שטעלער שבכתב, איז נאך תמידדא דער שריפטשטעלער שבעל פה, וואס איז אפטמאלס גרעסער און אינטערעסאנטער פון דעם ערשטען.

אונזער זיידע ר' מענדעלי שיחיה געהערט געוויס צו די דאזיגע שרייבער, וואס האבען גאר א סך געלאזט ביי זיך און אין זיך. אפשר א סך מעהר פון דעם, וואס ער האט אונז גע־געבען אין זיינע שריפטען. ער אליין האט מיר פיעל מאל גע־זאגט, אז דאס, וואס ער האט אנגעשריבען, איז נאך זעהר ווייט פון דעם, וואס ער האט געהאט צו זאגען און וואס ער וואלט געדארפט זאגען.

אבער אהן זיין עדות זאגען איז דאס קלאר פאר יעדערן, וואס שטעהט נאהענט צו ר' מענדעלי'ן, וואס האט געהערט זיינע רייד, זיין דערצעהלען ביי איהם אין זיין קאבינעט, אז איהר בלייבט מיט איהם איינער אליין אדער מיט א פאר גוטע פריינד משלנו, אדער גאר, אז איהר געהט מיט איהם שפאצי־רען און האט עפיס א בעגעגעניש, וואס עפענט פלוצלונג זיין הארץ אדער זיין מחשבה.

דעם דאזיגען ר' מענדעלי שבעל פה וועל איך דא פרו־בען אבמאלען, אזוי ווי איך קען איהם און פערשטעה איהם.

## I

אין זוהר ווערט דערצעהלט: איינמאל איז רבי אבא גע־

גאַנגען אין וועג מיט רבי יצחק. זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ גאָרטען, וואו עס האָבען געוואַקסען רויזען. ר׳ אבא האָט אָבגעריסען אַרויז און איז געגאַנגען ווייטער, האַלטענדי די בלום אין דער האַנד. איז זיי אַקעגענגעקומען ר׳ יוסי.

—אָ, איך פיהל דאָ נאָהענט די שכינה,—האָט רבי יוס געזאָגט.—און אָט זעה איך זי אין דער האַנד ביי ר׳ אבא, וואָס וועט געוויס איצט אונז דערקלערען גרויסע זאַכען און סודות.

—זעץ זיך, מיין זוהן,—האָט ר׳ אבא געזאָגט.

זיי האָבען זיך צאַלע אַנידערגעזעצט אויפן גראָז אין שאָטען פון אַ בוים, און שמעקענדיג די רויז, האָט ר׳ אבא אָנגעהויבען זאָגען תורה.

שטעלט אַריין אין דעם זיס שענעם און גייסט־רייכען בילד ר׳ מענדעלי׳ן אָנשטאָט רבי אבא, וועט דאָס זיין די בעסטע פאָרשטעלונג פון איהם סיי שבכתב, סיי שבעל פה.

יאָ, אַ תלמיד־חכם מיט אַ גרויסער קינסטלערישער און פאָעטישער נשמה, וואָס פעראייניגט אין זיך תורה, חכמה און הייסע ליעבע צו אַלע שענקייטען פון דער נאַטור—דאָס איז ר׳ מענדעלי אין שרייבען, דאָס איז ער נאָך מעהר אין לעבען.

ר׳ מענדעלי צווישען דער נאַטור! ר׳ מענדעלי, ליגענדיג אין טיעפען גראָז, ר׳ מענדעלי אויסציענדיג זיך אויפן זאַמד ביים ברעג ים, ר׳ מענדעלי אין וואַלד! אָ, דער וואַלד! קיינער, דאַכט זיך, האָט ניט אַזאַ שטאַרקע, הייסע ליעבע צום וואַלד, ווי ר׳ מענדעלי. קיינער פערשטעהט ניט דעם לשון פון די בוימער און פון די פויגלען, ווי ער. מען דאַרף איהם זעהן צווישען דער נאַטור, פערברענגען מיט איהם אויסער דער שטאָדט, מען זאָל פיהלען די גאַנצע טיעפקייט און שענקייט פון זיין פאָעטישער נשמה.

ר׳ מענדעלי איז בטבע נישט פון די שטאַרק ווייכע און זיסע מענשען, וואָס זייער האַרץ איז אַ מין אַכסניא, וואָס אַ יעדער קאָן אַהין אַריינפאָהרען גלייך מיט׳ן דישעל. ניין, ער איז אַמאָל זעהר האַרט און קאָן אַזוי אויפנעמען אַ פנים חדשות,





אַז יענער זאָל פערזאָגען דעם צעהנטען. ער האָט פיינט בתכלית שנאה אָטאָ די זיסע מענשען, וואָס ער רופט זיי „פעטערס" און וואָס זענען תמיד „צוקער מיט לאַקריצע". עס טרעט אין איהם אָפט אַרויס דער קאַלטער תלמיד חכם, דער בעל הלכה. אָבער נעמט ער נור די רויז אין די הענד און גיט אַ שמעק דעם זיסען ריח פון דער נאַטור, ווערט ער באַלד אַן אַנדערער, בעקומט אַ קינדערש זיס שמייכעל, הויבט אָן טרוימען—ווערט דער בעל האגדה.

---

את חטאי אני מזכיר. אַז איך האָב מיך בעקאַנט מיט ר׳ מענדעלין, האָב איך זייגע שריפטען ניט געלייענט. דאָס איז געוועזען אין יאָהר 1886. איך בין צוריקגעקומען פון דער שווייץ, וואו איך האָב פערבראַכט פינף יאָהר. דענסטמאָל איז נאָך נישט געוועזען נישט קיין יודישע, נישט קיין העבראַישע ליטעראַטור אין אמת׳ן זין. עס זענען געוועזען מענשען, וואָס פלעגען צייטענווייז לעזען. אָבער דאָס איז געוועזען אַ דבר טפל. ווער שמועסט יודיש, האָט מען נאָך גענומען לייענען, ווען מען האָט זיך געוואָלט אַ ביסעל פרעהליך מאַכען מיט דברי חול, אַ ביסעל לאַכען. און ביים דעמאָלטיגען לעזער איז געוועזען אַלץ איינס: „דאָס קליין מענשעלע" אָדער „דאָס פוילישע יונגעל", און אַזוי פלעגט מען טאַקע רעכענען בנשמה אחת ר׳ מענדעלי׳ן און לינעצקי׳ן צָהן אַ שום להבדיל. ווייל דער עולם, וואָס האָט דענסטמאָל געלעזען דברי חול, האָט באמת נישט געוואוסט צו אונטערשיידען צווישען ארור המן און ברוך מרדכי.

אמת, ר׳ מענדעלי איז געוועזען מעהר ווי אַלע אַנדערע בעקאַנט צווישען דער יודישער אינטעליגענץ; אָבער געוויס מעהר מיט זיין תולדות־הטבע, וואָס איז אין יענער צייט געוועזען שטאַרק אין דער מאָדע, איידער מיט זיין קלאַסישער „ק ל י אַ ט ש ע". דער המון האָט איהם פון גאָר ווייניג געוואוסט נאָך אַפילו אין די ניינציגער יאָהרען. דער גרויסער מפורסם

איז ער ע וואָרען די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר, אַז עס איז אויסגעוואַקסען אַ יודישע נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ. פערגלייכט זיעם פינף־און־צוואַנציג־יאָהריגען יובל, וואָס אייניגע גוטע פריינד מיט מנשה מרגלית בראש (מערקווירדיג—לויטער אַסימילאַטאָרען) האָבען געפייערט אין אָדעס, מיט דעם פופציג־יאָהריגען יובל, וואָס איז געוועזען אַן אמת'ער יודישער פאָלקס־יום־טוב... אמת, פאַר דער צייט איז ר' מענדעלי אַליין אויך אויסגעוואַקסען צוויי מאָל אַזוי גרויס. אין ערשטען פעריאָד איז ער געווען דער בורא פונ'ם נייעם שענעם יודישען לשון; אין צווייטען פעריאָד האָט ער געשאַפען דעם וואונדער־שענעם נייעם העברעאישען לשון. מיט זיין ערשטער אַרבייט האָט ער געעפענט אַ וועג פּרצ'ן און שלום עליכמ'ן; מיט דער צווייטער—אחד העמ'ען און ביאַליק'ן.

---

אָבער נחזור לעניננו. איך האָב אין יענער צייט פון ר' מענדעלי'ן נור געהערט. אמת. שוין קינדווייז, אַז איך בין אַלט געוועזען אַ יאָהר ניין, האָב איך אַמאָל געהערט לייענען די „טאַקסע"—און דער גאַנצער עולם האָט געלאַכט; אויך געדענק איך, אַז איך בין שוין אַרויס לתרבות רעה, עס הייסט, ווען איך האָב שוין געלערנט אין אָדעסער תלמוד־תורה (אין יענער צייט איז זי געוועזען זעהר טריף ביים עולם, ווייל מען האָט געלערנט אָהן היטלען), האָט דער לעהרער פון „טשיסטאָפּיסאַניע" געבראַכט דאָס „קליינעם מענשעלע" און געלייענט אין קלאַס, וואו אַלע לעהרער האָבען זיך צונויפגעקליבען—און מען האָט ווייטער שטאַרק געלאַכט. אָבער ווער דער מחבר איז געוועזען, האָב איך ניט געוואוסט. פונדעסטוועגן, אַז איך בין נור צוריקגעקומען קיין אָדעס, איז איינער פון מיינע ערשטע וויזיטען געוועזען ביי ר' מענדעלי'ן.

דעם אדם גדול האָב איך אין איהם ניט באַלד דערשפּירט. ערשטענס, ווייל איך אַליין בין געוועזען נאָך אַ ביסעל אָבגעווייטערט דענסטמאָל פון דער וועלט, צו וועלכער עס האָט גע־





הערט ר' מענדעלי, און נאָך ניט אינגאַנצען צוריק אַריין אין איהר. צווייטענס, בכל גדלו ותפארתו ווייזט זיך ר' מענדעלי נאָר אין נאָהענטער פריינדשאַפט, וועל ער פיהלט זיך, ווי ביי זיך און מיט זיך. אין אַ געזעלשאַפט פון מענשען, וואָס זענען איהם ניט גאַנץ נאָהענט ברוח, איז ר' מענדעלי גאָר אַנדערש און מאַכט ניט דעם רושם, וואָס ער וואָלט געדאַרפט מאַכען. ווייל ער, גלייך ווי אַ סך אַנדערע גרויסע מענשען, פערגעסט אָפט, אַז זיין גרויסקייט איז אין דעם, וואָס ער איז און ניט אין דעם, וואָס ער איז ניט. און אַז מען וויל זיך ווייזען ניט דאָס, וואָס מען איז, ווייזט מען, פערשטעהט זיך, אויס פיעל קלענער, ווי מען איז, און אַמאָל ווייזט מען גאָר אויס גאָרנישט.

עס האָט אָבער גאָר ניט פיעל געדויערט,—ביז מיר האָבען זיך אמת צוגעבונדען איינער צום אַנדערען—און ר' מענדעלי האָט אָנגעהויבען וואַקסען אין מיינע אויגען מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה, סיי אַלס שרייבער, סיי אַלס תלמוד חכם און אַלס גרויסע פּאָעטישע און קינסטלערישע נשמה

## II

איך קען זאָגען, אַז פון ערשטען מאָל אָן איז כמעט ניט אַרויס איין שורה פון ר' מענדעלי'ס פעדער, וואָס ער האָט זיי מיר פריהער ניט געלייענט, אַחוץ, פערשטעהט זיך, די לעצטע יאָהרען, וואָס איך האָב פערלאָזען אָדעס. יאָ, ר' מענדעלי האָט ליעב צו לייענען זיינע שריפטען אין כתב־יד זיינע גוטע פריינד, און אַמאָל אויך גלאַט גוטע בעקאַנטע. ר' מענדעלי'ס כתב־יד! איך האָב אויף מיין לעבען, דוכט זיך מיר, שענערס ניט געזעהן. פשוט אַן עבירה צו דרוקען. די האַנדשריפט איז כמעט אַזוי שען, ווי דער אינהאַלט. עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז דאָס זענען ניט קיין שורות מיט אותיות, נור שנורען קליינע, וואונדערשענע פערל.

הערען ר' מענדעלי'ן לייענען זיינע זאַכען איז איינע פון

די גרעסטע תענוגים, וואָס מען קאָן האָבען. דענסטמאָל פיהלט איהר און הערט ניט נור דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר אָבער אויך דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגען און וואָס איז איבערגעבליבען ביי איהם אין דער נשמה. דער לייענען זיינער איז אַ מין פירוש אויף יעדען וואָרט, אויף יעדען זאַך. וואָרום ר' מענדעלי שרייבט תמיד בשתי אנפין. תמיד איז דאָ אַ רמז, תמיד אַ ניט דערמאָלטער טיעפער פּאָן, וואָס זעהט זיך עפּיס ווייט, ווייט בעדעקט מיט אַ נעבעל. אַ קנייטש מיט'ן שטערן, אָדער מיט דער נאָז, אַ פינטעל מיט די קלוגע, קורצזיכטיגע אויגען—און ניט נור איהר פערשטעהט, איהר זעהט בחוש דעם רמז, דעם נמשל, עס טרעטען אַרויס פאַר אייערע אויגען לעבעדיגע בריאות מיט אַלע זייערע העויות, און איהר זעהט פאַר אייך די גאַנצע אָבגעמאָלטע וועלט, גלייך ווי זי לעבט, ריהרט זיך מיט אַלעמען, וואָס איז אַרום איהר. ר' מענדעלי'ס לייענען איז בכלל פרימיטיוו, איינפאַך, כמדבר איש אל רעהו, אַפילו ווען ער לייענט פאַר אַ גרויסען עולם בפומבי. און אין דער נאַטירליכער איינפאַכקייט ליגט די גאַנצע שענקייט פון זיין לייענען, וואָס איז באמת מייסטערהאַפט. איין חסרון: אַז איהר האָט געהערט די זאַך לייענען מפּיו של מענדעלי אין כתב יד, איז דער רושם דערנאָך, אַז איהר לייענט עס אָבגעדרוקט, אָפּט שוואַכער. און עס דאַרף אַוועקגעהן אַ צייט, איך זאָל נאָך אַמאָל פיהלען די פריהערדיגע שענקייט אין דער אָפּגעדרוקטער זאַך. אָבער תמיד, ווען איך לייען איהם, זעה איך איהם אַליין, ר' מענדעלי'ן, פאַר זיך, הער זיין ליעבען קול, זעה זיין קנייטשען מיט'ן שטערן, זיין דרעהען מיט דער נאָז, זיין פינטלען מיט די גוטמוטיגע קלוגע אויגען, זיין איראָניש אָדער סאַרקאַסטיש שמייכעלע, וואָס מען קאָן קיינמאָל נישט פערגעסען.

אַז מען מאַכט איהם אַ בעמערקונג, שפּאַרט ער זיך שטאַרק אין אָנהויב, אָבער דערנאָך פערבעסערט ער, אויב די בעמערקונג איז אַ ריכטיגע.

טרויעריג, אָבער אויך וואַרים און זיס ווערט מיר אויפ'ן האַרצען, אַז איך דערמאָן זיך אָן ר' מענדעלי'ס קאַבינעט, צום





מיינסט אויף דער געוויסער באַזאַרנע גאַס, וואו עס איז געווען אַמאָל די אַלטע תלמוד־תורה, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט איהר אייגען הויז. איך האָב מיך אויך בעזעצט אויף דער באַזאַרנע, וואָס איז זעהר לאַנג—אַ ווערסט לערך און פונקט אויפ'ן אַנדערן עק—נאָהענט שוין דער ים.

—נאַ, איצט זענען מיר שוין שכנים, האָט מיר ר' מענדעלי געזאָגט, אַז איך בין צו איהם געקומען; וועט מען קענען אַמאָל שיקען לייהען איינער ביים אַנדערן מילכיגע לעפעל, אַ יויך־טעפּיל און כדומה, אַזוי ווי סע פיהרט זיך צווישען שכנים.—און דערביי דאָס בעקאַנטע שמייכעלע אויף די דינע ליפּען, וואָס אין דעם ליגט אַלץ.

אין דער צייט איז ר' מענדעלי נאָך געוועזען אַליין ווייט פון אַלעמען, פון די אונזעריגע, הייסט עס. איך בין געוועזען דענכמאָל כמעט פון די ערשטע אין אָדעס—פון די שרייבערס, הייסט עס,—וואָס איך פלעג אָפּט צו איהם אַריינגעהן און האָב מיך מיט איהם בעפריינדעט.

אמת, דענסטמאָל, איז אַ חוץ ליליענבלום, וואָס מחמת זיין פערביטערטען אינערן לעבען האָט ער קיינמאָל ניט שטאַרק ליעב געהאַט זיך צונויפצוקומען און האָט זיין גאַנץ לעבען כמעט ניט געוואוסט פון שבת אַחים גם יחד, איז נאָך אין אָדעס קיינער ניט געוועזען. אחד העם האָט שוין יאָ געוואוינט אין דער צייט אין אָדעס, אָבער ער איז נאָך ניט געוועזען „אחד העם", ווייל ער האָט נאָך ניט אָנגעהויבען צו שרייבען, און קיינער האָט פון איהם נישט געוואוסט, אַחוץ אַ קליינעם קרייז פון משכּילים.

ביי ליליענבלום'ען האָב איך בעגעגענט ראַבניצקי'ן, וואָס פלעגט אָפּט צו איהם אַריינגעהן. ער איז מיר פונ'ם ערשטען מאָל שטאַרק געפעלען, און איך האָב מיך צו איהם שטאַרק צוגעבונדען, אַזוי אַז ער איז געוואָרען ביי מיר אַ בן בית און פלעגט כמעט אַלע טאָג צו מיר אַריינגעהן, און דורך זיין ליעבליכען כאַראַקטער, זיינע איידעלע איינפאַלן און אמת'ע ליעבע צום פאָלק און אויך זיין שטאַרקער חבת ציון איז ער מיר

אַלץ געוואָרען נאָהענטער. אַז ער האָט אָנגעהויבען מאַכען פלעגער וועגען אַרויסגעבען זאַמעלביכער אין אָנהויב אין יידיש און נאָכדעם אין העברעאיש—דעם „פרדס“, האָב איך איהם בעקענט מיט ר׳ מענדעלי׳ן. און אַזאַ גליק האָט שוין דער דאָזיגער „רויטיטשקער“ (ווי מיר רופען איהם), אַז ער האָט ביים זיידען אויך שטאַרק נושא חן געוועזען, און ער האָט איהם ניט אָבגעזאָגט קיינמאָל אין קיין שום זאַך. און אַז ראַבניצקי איז געוואָרען „משל לאדם שיש לו פרדס“, האָט איהם דער זיידע געגעבען פאַר זיין „פרדס“ אייניגע פון זיינע בעסטע און שענסטע פלאַנצען, און וואָס מיר האָבען אַלע, פערשטעהט זיך, פריהער געהערט לייענען אין כתב יד.

פון דענסטמאָל אָן איז רבניצקי אויך געוואָרען איינער פון די נאָהענטסטע צום זיידען. אַזוי האָט זיך אין אָדעס פערוויקעלט דענסטמאָל דער סופרישער קנויל, וואָס איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען, אַלעמאָל צוציהענדיג נייע כוחות. באַלד איז צוגעקומען אחד העם, וואָס איז פלוצלינג בין יום ובין לילה אויסגעוואַקסען אין אַ אומגעוועהנליכער ערשיינונג מיט זיינע „פרורים“, „תורה שבלב“, „הכהנים והעם“, וכדומה. דערנאָך האָט זיך אין אָדעס בעזעצט דובנאָוו, דענסטמאָל נאָך אַ האַרטנאַקיגער אַסימילאַטאָר און קאָסמאָפּאָליט, וואָס איז אָבער גיך בטל געוואָרען בששים. דאַן לעווינסקי—ואחרון אחרון חביב. דער לעצטער איז צוגעקומען דער יונגסטער און דער גרעסטער, וואָס איז אַלע איבערגעוואַקסען,—ביאַליק בכבודו ובעצמו. און אַזוי איז די שטאָדט, וואָס איז ווייטער, ווי אַלע, פון יודישקייט וואו אַפילו דאָס געמיינע פאָלק איז אויך אין גרעסטען טייל אַסימילירט און וואו נאָך מיט אַ יאָהר סופצעהן צוריק האָט מען שוין געקאָנט געפונען יודישע „באָסיאַקעס“ און הונדערטער קינדער, וואָס ווייסען ניט, וואָס איז אַן אַלף, די שטאָדט, וואָס אַליין האָט זי ניט געשאַפען אַפילו דעם מינדעסטען ספר,— געוואָרען דער צענטער פון די שענסטע און בעסטע יידישע סופרישע קרעפטער.

אָבער איך בין פערלאָפען אַ ביסעלע צו ווייט.





## III

יאָ, ר׳ מענדעלי׳ס קאַבינעט,—דאָס איז געוועזען פאַר אונז אַ מין מקום קדוש און מקום תורה, וואו מען פיהלט זיך אַזוי וואויל, אַזוי וואַרים און אַזוי ליעבליך און אויך אַזוי ווייט פון דער געמיינער טעגליכער וועלט. צום בעסטען האָט מען זיך דאָרט געפיהלט שבת אָדער יום-טוב, וואָרום שבת איז ר׳ מענדעלי גאָר אַן אַנדערער, אַ שבת׳דיגער, און דער עונג שבת איז אינגאַנצען אויסגעגאָסען אויף זיין פנים, און יום טוב איז ער אַ יום טוב׳דיגער, אַ ווייכער, אַן אויפגעלעגטער, מיט׳ן גוטען יום-טוב׳דיגען שמייכעל אויפ׳ן פנים. מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז ר׳ מענדעלי איז קודם כל אַ תלמיד חכם, אַ למדן און אַ חריף. אַז מען פערנעמט זיך ניט מיט ליטעראַטור, שלעפּט ר׳ מענדעלי אַרויס דעם תנכ׳ל אָדער א מדרש אָדער גאָר אַמאָל אַ גמרא, נאָר אָפטער זיין טייערן ליעבלינג—דעם תנכ׳ל, און הויבט אייך אָן ווייזען חידושים, אָנווייזען שווערע, ניט פערשטענדיגע ערטער, וואו עס איז כלה מוקשה, ניט גלאַטיג... און דערנאָך, אַז איהר זעהט שוין גוט, אַז איהר וועט פון דעם פסוק ניט אַרויסקריכען, הויבט אייך אָן ר׳ מענדעלי צו בעלייכטען און דערקלערען דעם ענין, פערנלייכענדיג מיט צוואַנציג אַנדערע פסוקים אָדער ווערטער—און פלוצלינג ווערט אייך די זאַך אַזוי קלאָר און עס ווערט אייך אַזוי ליכטיג אין די אויגען, אַז איהר שפּרינגט אונטער פון התפעלות. יאָ, אין דערקלערען און בעלייכטען די שווערסטע ערטער אין תנ״ך איז ר׳ מענדעלי איינער פון די גרעסטע און שאַרפסטע מייסטערס—ער האָט אַזוינע רייכע און טיעפע איינפאַלען אין דעם ענין, אַז אָפט בעוואונדערט איהר אין איהם דעם גרויסען חריף, ווי דעם גרויסען קינסטלער. עס איז באמת אַ גרויסער שאָדען, וואָס ר׳ מענדעלי האָט נישט געמאַכט קיין פאָרלעזונגען פון תנ״ך פאַר יונגע לייט, אַזוי ווי מיר האָבען איהם אָפט פערגעלעגט. נאָך מעהר שאָדען איז, וואָס אַלע זיינע גלענצענדע דערקלערונגען

זענע ניט פערטריבען געוואָרען און וועלען אַזוי פערגעסען ווערען.

די ביבעל־קריטיק האָט ר' מענדעלי, גלייך מיט אַלע אַנדערע אמת'ע גרויסע קענער פון תנ"ך, פיינט בתכלית השנאה און מאַכט פון איהר תמיד חוכא וטלולא. אַ שען פּנים קאָן האָבען ביי אַזאַ טיעפען למדן, ווי ר' מענדעלי, דער „דייטש" מיט זיינע פירושים אויף תנ"ך.

און דער גרויסער למדן, וואָס איז בקי אין תנ"ך און אין ש"ס, ווי אַ יוד אין אשרי, אַז ער שרייבט, איז ער תמיד אַרומגער בגלט מיט מדרשים, עין יעקב, פערשיידענע מסכתות און כדומה. און אָפט מאַכט זיך, אַז ער זוכט דעם נויטיגען פּאַסיגען אָרט עטליכע טעג!

אוי, ווי וואויל האָט מען זיך געפיהלט ביי ר' מענדעלי ביי זיין שרייבטיש! און וואָס פאַר אַ וועהמוט און וואָס פאַר אַ טיעף בענקעניש כאַפּט מיך אָן איצט, אַז איך דערמאָן מיך אָן די דאָזיגע גוטע זיסע יאָהרען!

בין צוועלף ביינאַכט אָבזיצען ביי ר' מענדעלי'ן איז געוועזן גאָר אַ געוועהנליכע זאַך. ס'פלעגט זיך מאַכען אָפט, אַז מען איז אָבגעזעסען אינאיינעם ביז צוויי. און אויך עד עלות השהר. ביי ר' מענדעלי'ן אָבזיצען אָדער גאָר שפּאַציערען אַ גאַנצע נאַכט—איז גאָרניט.

ר' מענדעלי'ס שמועס איז בכלל רייך מיט טיעפע און ריכטיגע בעמערקונגען, שענע, גלענצענדע איינפאַלן, אַרויסגעזאָגט כמעט תמיד אין אַ גלענצענדער פאָרם, אָפט בדרך משל, וואָס איז שוין פאַר זיך אַליין אַ שען, אָפט גלענצענד בילד. און דערביי תמיד די פיינסטע איראָניע און דער איידעלער וויץ.

ר' מענדעלי איז ניט קיין סיסטעמאַטישער שטרענג לאָגישער דענקער. ער האָט אויך אפשר ניט קיין אָבגעשטעלטע נענויע וועלטאָנשויאונגען. דענקען דענקט ער תמיד, און יעדע זאַך, וואָס ער זעהט, וועקט אין איהם תמיד אויף אַ געדאַנק, אַ בעמערקונג. ער לאָזט כמעט ניט איין זאַך דורך אומבעמערקט.





אָבער די אַלע געדאַנקען מעהען זיך בעזונדער איינער פון דעם אַנדערן, זענען נישט געבונדען איינער מיט דעם אַנדערן—זיי זענען איינפאַלען, בליצען, און דעריבער זענען זיי אָפט סותר איינער דעם אַנדערן. און עס קומט פיעל מאָל פאָר, אַז ר' מענדעלי צעשטערט היינט דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט נעכטען. אין דעם פּרט איז ער אַן אמת'ער קינסטלער, וואָס איז גאַנץ גלייכגילטיג צו אַ געוויסען אָבגעשטעלטען אמת מוחלט. ניט נור ער זוכט איהם ניט, דעם דאָזיגען אמת, נאָר עס קאָן אויך זיין, אַז ער גלויבט ניט שטאַרק, אַז עס איז דאָ אַזאַ אמת. איש איש ואמת שלו, דור דור ואמת שלו. און אַזוי אויך אין אַנדערע זאַכען.

מען האָט זיך, אַ שטייגער, געחקירעט, צי איז מענדעלי אַ ציוניסט צי ניין. אויף דעם איז דאָ איין ענטפער: ר' מענדעלי איז אַ י ו ד, אַ יוד דורך און דורך, בכל לב ונפש, ער איז אין אַלעמען אַ יוד, און נור אַ יוד, אויך אין זיין קונסט, אין זיין ליעבע צו דער נאַטור. אַנדערש קאָן ער ניט זיין. מיר האָבען, דוכט מיר, ניט אַזאַ שרייבער, וואָס זאָל אין זיך אַזוי כולל זיין דעם גאַנצען יודען, ווי ר' מענדעלי. ער איז אַ צו גרויסע און שטאַרקע פּערזענליכקייט, עס זאָל צו איהם קענען צושטעהן עפּיס פרעמדס. זאָל זאַמד צושטעהן צו אַ פעלז... און דער יוד, דער אמת'ער, ניט דער געקינסטעלטער, דער היינטיגער, האָט קיין מאָל ניט געחקירעט וועגען דעם, וואָס איז אַ יוד, פאַרוואָס דאַרף מען זיין אַ יוד און כדומה—דאָס אַלץ זענען שאלות, וואָס הויבען זיך אָן דענסטמאָל, אַז מען וויל אָנהויבען אַרויסקריכען פון דעם יודישקייט...

ר' מענדעלי געהט זיך אויך אין דעם ענין זיין וועג אָהן שאלות און האָט גאָר פיינט בתכלית השנאה די אַלע חקירות, אַזוי ווי ער האָט אויך פיינט אַלע עטיקעטען מיט צונעמעני־שען פון פאַרטייען. אַ יוד איז אַ יוד.

קיין אידעאַליסט איז ר' מענדעלי ניט. דערויף איז ער צו פּקח, צו קלוג און תמיד גענויגט צו זעהען די שוואַכע און צמאָל אויך די לעכערליכע זייט פון יעדער אידעע: מען קאָן

איינמאָל האָט איינער גערעדט אין אַ פערזאַמלונג וועגען דעם „וויסענשאַפטליכען“, און דעם „לעגענדאַרישען“ משה.

ר' מענדעלי איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט פון דער „פלאַפלעריי“, אַז עטליכע טעג האָט ער זיך נישט געקאָנט בערוהיגען. און דער כעס אויפ'ן רעדנער איז אין איהם געוואַקסען מיט יעדען טאָג. יאָהרענלאַנג האָט ער איהם ניט געקאָנט מוחל זיין דעם הלול השם, וואָס האָט איהם טיעף געקרענקט.

די ציוניסטישע סטודענטען פון אָדעסער אוניווערסיטעט פלעגען מאַכען חנוכה אַן אָבענד פאַר אַלע יודישע שריפטשטעלער. אויף איין אָבענד, וואו ר' מענדעלי איז נישט געווען, ווייל ער איז דעמאָלט געלעגען קראַנק, איז אַרויפגעשפרונגען אַ יונגעל אַן עזות פנים מיט אַ רעדע, וואָס ער האָט אָנגעהויבען מיט אַזעלכע ווערטער: „מיר פייערן ניט די גבורים, וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען פאַר'ן יודישען גאָט. דעם יודישען גאָט ווילען מיר ניט קענען. שוין צייט לאַנג מאַכען אַן ענדע מיט דער נאַרישקייט“. דעם בחור האָט מען באַלד, פערשטעהט זיך, אָבגעשטעלט.

אויפ'ן אַנדערן טאָג בין איך געקומען אין דערפריה צו ר' מענדעלי'ן, וואָס איז געלעגען אין בעט. אַז איך האָב איהם איבערגעגעבען די ווערטער פונ'ם בחור, איז ער אויפגעשפרונגען פון בעט פערציטערט. אין דעם שרעקליכען צאָרן איז אויך געווען אַ שטאַרק געפיהל פון וועהטאָג, גלייך עס וואָלט געטראָפען אַ גרויסער אומגליק. מיט פייערדיגער שנאה און עקעל האָט ער גערעדט פון דעם נייעם מין ציוניסטען און נאַציאָנאַליסטען, וואָס לייקענען אָב די יודישקייט: „וואָס טויג מיר זייער ארץ ישראל אָהן דעם אלהי ישראל?“—טענ'ט ער תמיד.

דאָ ווייזט זיך ביי איהם תמיד אַרויס די פייערדיגע נביא'שע קנאה לאלהי ישראל, וואָס ליגט אַזוי טיעף אין דער יודישער נשמה. עס קאָן זיין, אַז אַמאָל ביי חקרנ'ען זיך זאָל ר' מענדעלי עפּיס אַרויסזאָגען, וואָס זאָל זיין פונקט דער היפוך. ווארום דער זיידע נאַרט זיך אַליין אָפט, און דער פלוצלינגדיגער איינפאַל זאָגט איהם אַמאָל דאָס, וואָס איז גאָר גאָר





אויך ניט זאָגען, אַז ער איז גאַנץ מאַטעריאַליסטיש גענויגט, דערויף איז ער צופיעל דער איש הרוח. פונדעסטוועגן ריהרען איהם מעהר די מאַטעריעלע ליידען. ער זעהט דורך און דורך די גייסטיגע נויט, די גייסטיגע אָרימקייט, נור זי ריהרט איהם וועניגער. ער איז דאָ אויך מעהר קינסטלער און נישט קיין בעל מלחמה פאַר דעם אָדער יענעם געדאַנק. ער איז אויך אין דעם ענין דער אמת'ער יוד, וואָס לאָזט קיינמאָל נישט צו דעם געדאַנק, אַז דאָס יודישע פאָלק קאָן אונטערגעהן אַמאָל—„אַ שען פנים וואָלט געהאַט גאָט אָהן יודען“—האָט ער איינמאָל געזאָגט. די אייביגקייט פונ'ם יודען ליגט טיעף, טיעף ביי איהם אין האַרצען, און דעריבער קוקט ער זיך אָפט קאַלטבלוטיג דאָרט, וואו ביי אַנדערע ווייזט זיך אַרויס אַ שרעקליכער יאוש.

אין זיינע ווערק איז כמעט ניטאָ אַ סימן פון השכלה. פערקעהרט, ער איז דער איינציגער, וואָס האָט נישט „געיוצקט“ דאָס „שלאָפענדיגע“ פאָלק, האָט איהם קיינמאָל קיין מוסר געזאָגט, ניט אויסגעלאַכט, ווי גאָרדאָן אָדער סמאָלענסקין, זיינע „נאַרישע“ מנהגים, זיין ווילדקייט און כדומה. ער האָט, פערקעהרט, אַ הייסע ליעבע צו אונזערע מנהגים און האַלט זיי פאַר דער גרעסטער קראַפט, וואָס שטאַרקט און האַלט פעסט דאָס יודישע פאָלק. „דאָס פלעדיל“, „דער המן־טאַש“ מאַכט מעהר יודען, ווי אַלע ביכלעך מיט אַלע רעדעס, אַפילו מעהר ווי די יודישע געשיכטע“, זאָגט ער אָפט. זיין ליעבע צו שבת און צו ימים טובים האָבען נאָר קיין גרעניץ. זיי זענען ביי איהם די טייערסטע ירושה אונזערע. פונדעסטוועגן קאָן מען ניט זאָגען, אַז די השכלה האָט גאָר אויף איהם נישט געווירקט, און אָפט טרעט אין איהם אַרויס דער משכיל אין לעבען און אין די געדאַנקען. דאָ איז אָבער אויך דאָס אייגענע: עס איז לויטער איינפאַלען, אַלץ בערבוביה. און איהר געפינט אין איהם דבר והפוכו. שטאַרק און פעסט איז דאָך זיין ליעבע צו דער אַלטער יודישקייט. דער תלמוד און די תנאים פערגעטערט ער. און לאָז גאָר עמיצער פרובען זיי אָנריהרען! נאָך שטאַרקער איז זיין ליעבע צו משה'ן און צום אלהי ישראל.

ווייט פון זיינע אמת'ע געפיהלען, וואָס זענען טיעף, טיעף איינגעוואָרצעלט אין זיין גרויסער יודישער נשמה.

## IV

טיעף, שאַרף, אמת, און אָפט גלענצענד זענען דעם זיידענס אַלע בעמערקונגען און איינפאַלן וועגען ליטעראַטור,—בכלל וועגען שרייבען, און בפרט וועגען דעם, וואָס מען זאָל נ י ט ז אָ ג ע ן, אינ'ם „אַרויסוואַרפען". און נאָך זאָגט ר' מענדעלי: „איזהו גבור? הכובש את הגלייכווערטיל". דאָס שרייבען איז ביי איהם אַן עבודת הקודש, אַ כהונה, דאָס הייסט דאָס, וואָס עס דאַרף זיין ביי יעדערן. ער אַליין איז זיך צו דעם מכין, ווי דער כהן גדול פאַר יום כפור, אַז ער האָט געדאַרפט צַריינגעהן אין קדשי קדשים.

מיר האָבען אַמאָל גערעדט וועגען אַ שרייבער, וואָס שרייבט אומעטום: אויפ'ן בולוואַר, אין טראַם, אין וואַגאָן, אין אַ קאַפע און כדומה.

—איך דערמאָן מיך, האָט געזאָגט ר' מענדעלי, אַז איך בין געוועזען אַ יונגעל פון אַ יאָהר ניין, בין איך געקומען איינמאָל צו לויפען אַהיים פונ'ם חדר עסען וואַרימעס. ביי דער טיר האָט מען מיך אָבגעשטעלט, מאַכענדיג מיט די הענד און ווינקענדיג מיט די אויגען, מיט אַלע אברים: „שאַ, שטיל!" און מען האָט מיך אַפילו ניט געלאָזט אַליין פערמאַכען די טיר, איך זאָל, חלילה, ניט אַ קלאַפּ טון. איך קום אַריין אין שטוב אַריין. אַלע געהען אויף די שפּיץ פינגער, און מען שושקעט זיך שטילערהייד, ביי אַלעמען אַנגסטען אויפ'ן פנים. אַלעמאָל קומט אַריין עפּיס אַ יודענע פון צווייטען צימער, זאָגט עפּיס אין אויער אַריין און ווערט באַלד אַנטרונען. וואָס איז?—די מאַמע איז געגאַנגען צו קינד.

פלוצלינג, אַזוי ווי איך זיץ דאָ בעגראָבען אין געהאַקטע וואונדען אין אַ ווינקעלע, שפּרינגט אַריין פון דער קיך אַ הוהן· גיט אַ דרעה מיט'ן עק אַהין און אַהער—און לעגט אַן איי טאַ־





קע אין מיטען שטוב פאַר אַלעמען... אַז עס דאַרף געבוירען אַ מ ע נ ש—איז עס מיט וועהטאָגען, מיט הכנות—און דאָ—אַ היהנדעל: ציפּ־ציפּ—און גאָרניט". אויף איינינע שרייבער, וואָס פערפלייצען די וועלט מיט מאמרים, האָט ער געזאָגט: „מען האָט אויף זיי אין הימעל גזירה געוועזען, זיי זאָלען זיין וואַסערפיהרער. האָבען זיך, אפנים, זכות אָבות בעמיהט, האָט מען זיי געמאַכט פאַר שרייבער..."

עס איז אָבער אַ מערקווירדיגע זאַך. מיט זיין גאַנצען גרויסען פערשטאַנד און מבינות קומט כמעט קיינמאָל ניט פאָר, אַז ר' מענדעלי זאָל גלייך אָנערקענען אַ גרויסען טאַלאַנט. עס האָט געדויערט עטליכע יאָהר, ביז ער האָט אָנערקענט דעם קעניג פון אונזערע משוררים—ביאַליק'ן. אין אָנהויב האָט ער איהם אינגאַנצען כמעט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, אַפילו נאָכן „מתמיד" און נאָך „אַריה בעל גוף". אַפילו די שרעקליכע ערשיטערנדע „בעיר ההריגה" האָט אויך ניט אויסגענומען ביים זיידען. ער האָט אין איהר געפונען „אַכזריות" אין די ערטער, וואו די טראַגיק פון דער אָהנמאַכט טרעט אַרויס אין איהר גאַנצער שרעק. ער האָט ניט בעמערקט, אַז אין דער „אַכזריות" ווייזט זיך אַרויס דעם משוררס מע׳ זיגע ליעבע, אפשר מעהר, ווי אומעטום. אָבער האָט ער שוין אָנערקענט ביאַליק'ן, האָט ער זיך צו איהם צוגעבונדען מיט דער גאַנצער נשמה. און אין אָדעס, נאָך דעם, ווי דער גרויסער און שענער בית־המקדש פון אונזערע סופרים איז הרוב געוואָרען, אַ טייל זענען גאָר אָוועקגעגאַנגען אויף אייביג, און אַ טייל זענען זיך צעפאָהרען און פערוואָרפען געוואָרען בכל קצוי תבל. איז דאָרט איבערגעבליבען נאָך דער ענגער הייליגער דריי־בונד—דער זיידע, זיין גרויסער אייניקעל ביאַליק און דער „רויטיטשקער", ראַבניצקי הייסט עס.

פון אַלע ביאַליקס זאַכען איז ר' מענדעלי מעהר נתפעל געוואָרען פון זיין „הברכה", וואָס איז באמת די שענסטע לידישע פּאָעמע ניט נור אין דער העברעאישער, נאָר אפשר אויך אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. איך קען ניט

קיין איין זאַך אין אַלע ליטעראַטורען, וואָס זאָל קענען זיך גלייכען מיט דער העכסטער שענקייט פון בעשרייבונגען פונם וואַלד און דעם צווישען די געדיכטע בוימער בעהאַלטענעם טייכעל. עטליכע מאָל האָט ר׳ מענדעלי גערעדט פון דער „הברכה“ מיט גרויס התפעלות. פערגלייכענדיג די „ברכה“ מיט דער „מגלת האש“, וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען פריהער, האָט ער געזאָגט: „ואתה מיא וכבא לנורא“.

און אַזוי ווי ר׳ מענדעלי קוקט אָפּט עפּיס מיט אַ מין חשד אויף אַ נייעם גוטען ווערק, קאָן זיך מאַכען, אַז ער זאָל אַמאָל שטאַרק ליובען גראָד גאָר אַ שוואַכע זאַך. אַז יעדער באַראָן האָט זיין פאַנטאַזיע, מעג אַ גרויסער שרייבער אודאי האָבען זיינע. דערצו איז דער זיידע, דער גרויסער חכם, אָפּט אַן אמת קינד, וואָס מען קאָן איהם פערנאַרען מיט אַ לעקעכיל. און קומען ביז צו די עלטערע יאָהרען און נאָך זיין אין פיעל זאַכען אַ קינד, איז איינע פון די מעלות, וואָס מען געפינט זיי דוקא נור ביי גרויסע מענשען. דאָס קינד מיט דעם שאַרפען חכם, דער פּאָעט, דער גרויסער בעל־מחשבות מיט דעם ערגיץ אין דער טיעף בעהאַלטענעם קאַלטען בר שכל שטויסען זיך אָפּט אָן איינער אָן דעם אַנדערן, האַלטען אָפּט מלחמה איינער מיט דעם אַנדערן. און דערפון קומען אַרויס די היפוכים, וואָס איך האָב שוין אויבען פון זיי גערעדט; אָבער סוף כל סוף איז גובר דער גרויסער יוד און דער גרויסער קינסטלער. און אַז ר׳ מענדעלי רעדט אַמאָל רוהיג איבער די ווערק, ווערט מען אָפּט נתפעל פון זיינע בעמערקונגען. ער זעהט און בעמערקט אַזוינע שטריכען, וואָס קיינער האָט גאָר פון זיי ניט געדענקט.

## V

איך קלער ניט, חלילה, זיך דאָ צו פערנעמען מיט ר׳ מענדעלי׳ס „פסיכאָלאָגיע“. „איהר ווייסט, וואָס הייסט פסיכאָלאָגיע?“—האָט מיר אַמאָל ר׳ מענדעלי געזאָגט: „דאָס הייסט יע־





נעם אַריינקריכען אין די געדערים“. ר׳ מענדעלי׳ס פערגלייכענישען, זיינע גלייכווערטלעך, זיינע אידאָנישע בעמערקונגען, זיינע וויצען! אַ גאַנצער אוצר וואָלט דאָס געוואָרען, מען זאָל זיי געוועזען פערשרייבען. עס איז פאַרהאַן אַ גאַנץ בוך, וואָס הייסט „לוטערס טיש־רעדען“. דאָס האָבען זיינע חסידים נאָכ־שריבען אַלץ, וואָס ער פלעגט זאָגען ביים טיש צווישען גוטע פריינד כטוב לבו ביין. פאַרוואָס זאָל מען דאָס נישט טון מיט ר׳ מענדעלין? עס איז נאָך איצט ניט שפּעט, און אַלע אונזערע וואָלטען געדאַרפט אָנהויבען פערשרייבען דאָס, וואָס זיי געדענקען.

עס איז אָבער אַ ריינער אומגליק מיט זיי, מיט די אַלע פערגלייכענישען, גלייכווערטלעך און כדומה. געוועהנליך ליגען זיי ערגיץ טיעף בעהאַלטען. פיהלען זיי נור, אַז מען וויל זיי צונויפנעמען, צעפליהען זיי זיך, ווי די פייגעלעך אין אַלע זייטען און געה כאַפּ זיי.

אָט האָט איהר עטליכע אַלס ביישפּיעל.

דער געוועזענער „קאַזיאָנער“ רב גורלאַנד, וואָס איז געוועזען בעקאַנט מיט זיין קנעכטשאַפט און קריכעריי פאַר דער נאַטשאַלסטווא, איז, ווי בעקאַנט, געשטאָרבען אין שול אין מיטען אַ „פאַטריאָטישער“ רעדע אין אַ פייערליכען טאָג: „אַן אמת׳ער צדיק, האָט ר׳ מענדעלי געזאָגט,—טאַקע יצאה נשמתו באורא, וואַשע בלאַגאָראָדיע“.

מען האָט עפּיס גערעדט פון איינעם, האָט ר׳ מענדעלי׳ס פרוי געזאָגט, אַז ער איז אַ יוד.

—ביי מיין ווייב, בעמערקט ר׳ מענדעלי, זענען אַלע יודען; זי וועט באַלד זאָגען, אַז איך בין אויך אַ יוד.

איין מאָל זאָגט מיר ר׳ מענדעלי, אַז איך בין צו איהם געקומען: „איך האָב אייך געוואָלט עפּיס דערצעהלען. איז דאָס אָבער זעהר אַ גרויסער סוד. ווייסט איהר שוין דאָך מן הסתם“...

איין מאָל בין איך אַוועקגעגאַנגען פון איהם מנחם אבל זיין אַן אַלטען לעהרער, וואָס ביי איהם איז דאָס ווייב געשטאָרבען. אַז איך בין געקומען צוריק, ווענדט זיך צו מיר ר׳

מענדעלי: „נו דער אבל האָט אייך אַ ביסעל מנחם געווען“...

דאָס איז נאָך ניט דער גאַנצער מענדעלי שבעל פּה. בכל גדלו ותפאַרתו טרעט אַרויס דער גרויסער ר׳ מענדעלי מיט דער גרויסער קינסטלערישער נשמה זיינער, אַז איהר בלייבט אַמאָל אַליין מיט איהם אין זיין קאַבינעט אָדער צווישען דער שענער ליעבער נאַטור, אַז ער נעמט אַרויז אין די הענד און שמעקט זי, און די שכינה לאָזט זיך אַראָב אויף איהם.

איינמאָל ווינטער אין אַ גרויסען פראָסט און אין אַ גרויסען טיעפען שניי, וואָס איז געלעגען אויף די גאַסען, ווי לאַנגע הויכע בערג, פערשטעלענדיג אינגאַנצען די שיין אין די ניט־הויכע הייזער, האָב איך געכאַפּט אַ שליטעלע און בין אַראָב־געפאָהרען מבקר חולה זיין דעם זיידען, וואָס איז געווען דענסטמאָל זעהר קראַנק און האָט געליטען גרויסע שמאַרצען.

איידער איך בין אַריינגעגאַנגען צום קראַנקען, האָט מיך די פרוי געבעטען, איך זאָל איהם נישט לאָזען רעדען אַ סך, ווייל דאָס שאַדט איהם. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים בעט נעבען קראַנקען ביראה ופחד, איך זאָל איהם חלילה נישט בעאומרוהיגען, און גערעדט שטילערהייד, אַזוי ווי ס׳פיהרט זיך. דער זיידע האָט אויך גערעדט שטילערהייד מיט אַ שוואַכען קול, מיט אַ קרעכץ צייטענווייז. און דרויסען האָט געפייפט און גע־בלאָזען דער שרעקליכער צפון־ווינט, אַזוי אַז אַלץ האָט געציטערט. דער שניי איז געפאַלען אַזוי געדיכט, אַז עס האָט אויסגעוויזען, אַז אונטער די פענסטער שטעהט אַ הויכע ווייסע וואַנט.

ר׳ מענדעלי האָט זיך קרעכצענדיג אומגעקעהרט, אַ קוק געטאָן צום פענסטער און דערזעהען דאָס ווילדע בילד פון דער שרעקליכער ווינטערדיגער נאַטור.

„קול ד׳ שובר ארזים, משבר ד׳ את ארזי הלבנון“,—האָט ער אָנגעהויבען שוין גאָר מיט אַן אַנדער קול, און זיין בלייך פנים איז פלוצלינג בעלויכטען געוואָרען, און אין די אויגען האָט זיך בעוויזען אַ פייערל.

„זייערע בילדער!“ האָט ער אָנגעהויבען ווייטער, אויפ־





הויבענדיג אַ ביסעל דעם שענעם געזילבערטען קאָפּ, און בע־גייסטערט האָט ער אָנגעהויבען הויך ציטירען שטיקער פון תהלים, פון די נביאים, צלץ בילדער פון דער נאַטור, און וואָס מעהר ער האָט ציטירט האָט ער זיך אַלץ מעהר בעגייסטערט, צלץ מעהר אַריין אין עקסטאַז. איך קען גוט די אַלע ערטער, איך בעוואונדער זיי כמעט אַלע טאָג, אָבער דענסטמאָל, אַז איך האָב זיי זעהערט, ווי אַזוי זענען אַרויס פונם בעגייסטע־טען זיידענס מויל, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער זיי דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב נור איצט פערשטאַנען זייער גרויסקייט און שענקייט. און ר׳ מענדעלע אַליין האָט זיך אויפ־געהויבען יעדע מינוט העכער, העכער, אַלץ געוואַקסען אין מיינע אויגען, און געוואַקסען האָט אויך אין איהם די בעגייס־טערונג און דאָס פייער, און דאָס קול איז געוואָרען אַלץ פעס־טער און שטאַרקער, אַן אמת׳ער קול חוצב להבות אש, געהט שטעלט איהם אָב און זאַגט איהם, ער זאָל בלייבען רוהיג, ווייל עס שאַדט זיין געזונט! אַז איהר וועט אָבשטעלען דעם צפון־ווינט,—אָדער דעם ים, וואָס שרייט און רוישט דאָרט אונ־טען, דענסטמאָל וועט איהר איהם אָבשטעלען, דעם זיידען, בשעת די גרויסע פּאָעטישע נשמה האָט זיך אין איהם אויפגע־וועקט. און ניט נור איך, ער אַליין האָט אויך פערגעסען, אַז ער איז אַ חולה, וואָס דאַרף ליגען רוהיג.

אַ ביסעל בערוהיגט זיך, האָט ער זיך אָנגעהויבען פער־טיעפען אין זכרונות פון זיינע יונגע יאָהרען, פון דעם לעבען און די מענשען פון יענער צייט. און דאָ האָבען אָנגעהויבען אַרויסטרעטען פאַר מיר איינע נאָך דער אַנדערער גרויסע מעכ־טיגע פיגורען אין זייער גאַנבער שענער געשטאַלט, ווי אויס־געשניטען און מירמעלשטיין דורך דער האַנד און איינעם פון די גרעסטע מייסטערס. מיט בעזונדער ליעבע און ענטציקונג האָט ער מיר אָבגעמאָלט אַ בעל הבתישע שטוב אין אַ שטאָדט אין דער ליטא, וואו אין הויף איז געווען אַ בעזונדער קיך מיט אַ גרויסען עסצימער. דאָרט איז געשטאַנען אַ קעכין, וואָס לעגט דעם גאַנצען טאָג קאָכען, און יעדער אָרימאַן, יעדער

פרעמדער, יהיה מי שיהיה, האָט אהין געקענט אריינגעהן און עסען, וויפיעל דאָס האַרץ געלוסט.

דאָס גאַנצע בילד פון די אַלטע מענשען, אפילו פון דער קעכין און פון די געסט, האָט ער אַזוי מייסטעריש אָבגעמאָלט, אַז איך האָב אינגאַנצען פערגעסען אַלץ אַרום און אַרום און מיך איבערגעטראָגען ווייט, ווייט מיט פופציג יאָהר אין דער ליטווישער שטאָדט צווישען די „ווילדע בּרואים״ וואָס האָבען ניט געוואוסט גאָר פון לעזען אַ בוך און וואָס האָבען נאָר אין זינען געהאַט אָגצוואַרימען דעם פערגליווערטען גוף און די נשמה פון אַן אָרימאַן, אַ נע־ונד׳ניק און פון יעדען געפאַלענעם.

איך האָב געלעזען אַלץ, וואָס ר׳ מענדעלי האָט געשריבען, ניט איין מאָל, נור צעהענדליגער מאָל, אָבער קיין איין געדרוקטע זאַך האָט אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען איינדרוק. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז פאַר מיר שטעהען אַ רייה פון ריזען, וואָס מיר זענען אַקעגען זיי ווי גאָרנישט, ווי היישעריקען.

און אָנשטאָט אַ האַלבע שעה, ווי איך האָב געקלערט, בין איך אָבגעזעסען ביי ר׳ מענדעלי׳ן גאַנצע פיער שעה. און אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען, בין איך נאָך געווען ווי בערוישט פונ׳ם איינדרוק. אַלץ האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי פרעמד, אַזוי פיינדליך און אַזוי קליין, קליין.

„זיידעניו, זיידעניו״, האָב איך דערנאָך לאַנג געקלערט, „פאַרוואָס באַהאַלטסט דו טיעף אין זיך אָט די ריזען־בילדער און געפיהלען, וואָס דו טראָגסט טיעף אין דיין נשמה? פאַרוואָס זאָלסטו זיי נישט לאָזען במתנה דיינע אייניקלעך און דיינע אור־אייניקלעך?״

אָבער צפנים נישט אַלצדינג וויל די נשמה אַרויסגעבען...

## VI

אָנהויב יולי 1905 בין איך אַוועקגעפאָהרען אויפן זיבעטען ציוניסטישען קאָנגרעס. שוין זענענדיג דאָ אין אויסלאַנד,





איז ביי מיר געבליבען ניט מעהר אומקעהרען זיך, און איך האָב מיך בעזעצט אין גענף, וואו איך האָב שוין געוואוינט פינף יאָהר אין די סטודענטישע יאָהרען.

איך וועל דאָ ניט רעדען פון דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער צייט פון די שחיטות... ביז איך האָב בעקומען דעם ערשטען בריעף! דער זיידע אַליין האָט מיר לאַנג נישט געענטפערט, און אָפט פלעגט מיך אָנפאַלען אַ טויט־שרעק ביים געדאַנק, אפשר נאַרט מען מיך גאָר, שרייבענדיג, אַז ער האָט נישט געליטען בשעת די הריגות.

פלוצלינג בעקום איך דאָס דאָזיגע קורצע בריוועלע פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל:

שלום לך, חביבי ויקירי.

היום באתי הנה אני וכל בני ביתי ומחר איה״ש נסע מזה לעיר משכנך דרך עיר ווינא ושם נדבר הרבה, הרבה מאד

א. ז. וו. אונטערגעשריבען אהבך מחבקך ומנשקך מרחוק בכל לב ש. י. אַבראַמאָוויטש.

דער זיידע קומט אַהער! צי בין איך משוגע, צי די גאַנצע וועלט איז משוגע? ר׳ מענדעלי אין דער שווייץ מיט מיר אינאיינעם! אין דער פינסטערער שרעקליכער צייט, ווי ווערט מען נישט משוגע פאַר פרייד!

דאָס בריוועלע איז געוועזען געשריבען דעם צוואַנציגסטען נאָוועמבער, און אין אָנהויב דעצעמבער אין אַ שענעם פריה־מאָרגען בעקום איך אַ שטאָדט־טעלעגראַם, אַז ר׳ מענדעלי איז שוין אָנגעקומען און האָט זיך אָבגעשטעלט אין דעם און אין דעם האָטעל.

פערשטעהט איהר שוין ווי איך בין געלאָפען.

פאַרהאַן אין גענף אַ גרויסע בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפען איבער דעם טייך ראָנע, באַלד דאָרט, וואו ער געהט אַרויס פון גענפער אָזערע. זי הייסט די בריק פונעם מאָן בלאַן (Pont du Mont Blanc), ווייל פון דאָרט זעהט מען דעם ווייסען, תמיד מיט שניי בעדעקטען, מאָן־בלאַן. דאָס איז איינער פון די וואונדערשענסטע ערטער אין גענף. נור אַרויף אויף

דער שענער בריק. איך גיב אַ קוק — ר' מענדעלי געהט בּכבודו ובעצמו אין זיין בעקאַנטען שעקאָלאַד־קאָלירענעם פּאַלטאָ און אין ווינטערדיגען שטויסענעם קיילעכדיגען היטעל, מיט'ן גוט בעקאַנטען שטעקען אין האַנד. איך בין נישט אין שטאַנד איי־בערצוגעבען דעם איינדרוק, וואָס די ערשיינונג האָט אויף מיר געמאַכט. ר' מענדעלי מוכר ספרים מיט זיין ביידעל, מיט זיין קליאַטשע, מיטן פּעקיל תחינות, מחזורים, סידורים, ציצית ביים גענפער אָזערע, און די ווייסע בערג, וואָס דערגרייכען ביז אין הימעל, קוקען אויף איהם מיט יראת הכּבוד: שלום עליכם, ר' מענדעלי!

עס האָט מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס זעה איך דאָס גאַנ־צע יודישע פאָלק, וואָס האָט זיך גענומען וואַנדערן, וואוהין די אויגען טראָגען, געהן, געהן אָהן אַ סוף, אָהן אַ עק... איך בין געוועזען ערשיטערט פון פרייד און אויך פון אַ מין שרעק־ליכע טרויער, און די טרערען האָבען מיך אָנגעהויבען וואַרגען. דאָס מאָל איז ר' מענדעלי געבליבען אין גענף נור עפּיס אַ פּאָר טאָג; און די גאַנצע צייט האָט זיך געצויגען די שרעק־ליכע ערצעהלונגען פון די שרעקליכע טעג מיט זייער אַכזריות, וואָס היות רעות פון דער מדבּר וואָלטען דערציטערט געוואָ־רען, הערענדיג זיי.

דערנאָך איז דער זיידע אַוועקגעפאָהרען אין פראַנקרייך צו אַ טאָכטער זיינער, וואָס איז דאָרט אַ דאָקטאָר אין אַ דאָרף. אויפן צווייטען טאָג נאָך דעם אָנקומען אַהין האָט ער מיר געשריבען: „עוד לא נחתי ולא שקטתי מכּל התלאות וטלטולי הדרך ונפשי עוד תשתוחחה ותהמה עלי וה' יודע מתי תשוב למנוחתה ואוכל להתעסק בדברי תורה וכפרות. החדר שאני דר בו עם אשתי הוא צר מאד, ד' אמות על ד' אמות, ובכ"ז טוב לי מעוני הצר הזה שהשקט ושלוה בו מבּית גדול ומרוח במקום בהלות וזועות".

פונדעסטוועגען האָט ער זיך דאָרט נישט אַזוי אינגאַנצען גוט געפיהלט. און ווי האָט ער זיך געפרעהט אויף יעדען וואָרט, וואָס ער האָט בעקומען פון אַ פריינד! אַ טאָג זעקס נאָך דעם





ערשטען בריוועלע האָט ער מיר געשריבען: „ידידי מחמד נפשי, מקרב לבּי מגיש לך תודה רבּה על מכתבך הנעים, אשר שמחתי עליו מעוד בּעת צרה זו, אַשר בודד אני בּכפר רחוק ממאהבי ורעי ומתגעגע על אנשי שלומי הנה מה טוב ומה נעים מכתב אוהב כּמוך.

בּימים האלה אני מרבּה בּכתיבת מכתבים לאנשים, שיש לי עסק עמהם, ואינני מקבּל מהם שום תשובה. רוסיה סוגרת ומסוגרת אין יוצא ואין בּא. והדבר הזה מצערני עד מאד. מידידינו הסופרים והחכמים בּאדעסע אין קול ואין עונה".

אַ חדשים צוויי איז ר' מענדעלי אָבגעזעסען אין דעם פראַנצויזישען דאָרף, און אין דער צייט האָב איך געקומען פון איהם זעקס בּריעף. דאָס ווייזט, ווי ער צאַליין האָט זיך געפיהלט. וואָרום ר' מענדעלי איז בּכלל גאָר נישט קיין מרבּה בכתיבת מכתבים. און בעקומען פון איהם דריי בּריוועלעך דורכן יאָהר איז אויך אַ סך. זיינע בּריעף זענען תמיד קורץ; ער האָט נישט ליעב קיין השתּפכות הנפש. אָבער זיי זענען וואַרים און דורכגעדרונגען מיט הייסער און ווייכער ליעבע, און עס ווערט פון זיי תמיד אַזוי וואויל און וואַרים אויפן האַרצען.

אין אָנהויב פעוורואַל איז דער זיידע געקומען צוריק קיין גענף, געדונגען אַ דירה, געקויפט מעבּעל און זיך בּעזעצט כּדאיבעי, און עס האָבען זיך ווייטער אָנגעהויבען די אַמאָליגע טעג. איך ביי ר' מענדעלי, ר' מענדעלי ביי מיר. קרוב צוויי יאָהר האָט ר' מענדעלי דאָ אָבגעוואוינט — און די גאַנצע צייט איז געוועזען פאַר אונז יעדע יום שהוא כּלו שבּת. גאַנץ גענף איז אין מיינע אויגען געוואָרען אַן אַנדערע, בּעקומען אַ נייע ליכטיגקייט, אַ נייע שענקייט, בּעקומען דעם יודישען חן, די שענע זיסע יודישע נשמה מיט איהר מוטערליכער וואַרימקייט. יאָ, יאָ, אם ר' מענדעלי יש כּאן הכּל יש כּן. איך האָב בּאמת געפיהלט, גלייך דאָס גאַנצע יודישע פאָלק האָט זיך איבּערגע־טראָגען אַהער, און איך בין ווייטער צווישען מיינע בּרידער. די ערשטע צייט, אַז איך פלעג מיך נור אויפכאַפּען פון שלאָף, פלעגט מיך אָנכאַפּען אַ מין פרייד, ווי אַ חדר־יונגעל, אַז ער

כאַפּט זיך אויף און דערמאָנט זיך, אַז היינט איז יום טוב פּסח.

„חג היום לח״, האָט אַלץ אין מיר געשריגען.

ר׳ מענדעלי אַליין איז יונגער געוואָרען מיט צוואַנציג יאָהר. דאָס לעבען אין דעם שענעם לאַנד אָהן „דוואָרניקעס״, אָהן „פּריסטאַווס״ מיט „גאָראָדאָוויעס״ און אַנדערע מושלים, וואו מען קאָן זיך גאָר בעגעהן אָהן אַ „פּראַטשפּאָרט״, צווישען מענשען מיט מענשליכע פּנימער, און ניט מיט פּנימער פון אַ חיה רעה, וואָס וואַרפט אויף דיר אַ שרעק,—דאָס אַלץ האָט איהם אויפגעהויבען, געשטאַרקט דעם גייסט. מען וואָלט געדאַרפט זעהן ר׳ מענדעלי, ווי ער איז געגאַנגען בקומה זקופה אין גענף. אַן אמתער לאָרד. מען פלעגט זיך אָפּט אָבשטעלען און קוקען אויף זיין הדרת פּנים.

מיינע אַ בעקאַנטע איטאַליענערין, וואָס האָט מיך פון איהרע פענסטער געזעהען דורכגעהן מיט ר׳ מענדעלי׳ן, האָט מיך אויף דעם אַנדערן טאָג געפרעגט מיט אַ יראת הכבוד: „ווער איז דער שענער זקן״?

די אייגענע שאלה מיט דעם אייגענעם יראת הכבוד האָבען געמאַכט מיין זוהנ׳ס חברים פונם קאָלעזש (גימנאַזיע), אַז זיי האָבען געזעהן, ווי ער האָט זיך מיט איהם אָבגעשטעלט. דער לשון, פערשטעהט זיך, האָט איהם אַ ביסעל געשטערט.

„מיין זייגער, אַז איך געה אויף דער גאַס, בעהאַלט איך חי אַ גע׳גנב׳עטען, מען זאָל איהם חלילה נישט דערזעהען״, האָט ר׳ מענדעלי געזאָגט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, עמיצער זאָל איהם נישט פרעגען, וויפיעל דער זייגער האַלט.

פיהלענדיג די פרייהייט און די שענע אָרדענונג אין יעדער זאַך, זעהענדיג דאָס רוהיגע, זיכערע אַרבייטס־לעבען, די פרעהליכקייט פון די מענשען, האָט ר׳ מענדעלי דאָס אַלץ בעוואונדערט און געפיהלט אַן אמת׳ן תענוג, און פיעל מעהר פון אונזער יונגוואַרג, וואָס ווייסט נור פּלאַפּלען וועגען פרייהייט און פערשטעהט זי נישט, און שאַצט זי נישט דאָרט, וואו זי הערשט באמת. אָבער בטל געוואָרען פאַר איהר איז ער לחלוטין





נישט. פערקעהרט, ער האָט נאָך שטאָלצער אויפגעהויבען דעם יודישען קאָפּ, און זיין בעגייסטערונג פאַר די גרויסע יודישע אוצרות איז דאָ געוואָרען עפּיס נאָך גרעסער. פלעגען מיר זיך נור צוזאַמענקומען ביי איהם, אָדער ביי מיר, איז באַלד אַרויף אויפן טיש דער תנכ׳ל, אַ גמרא אָדער אַפילו אַ סידור. אַ חוץ די גרויסע פּאָעטישע און מאָראַלישע שענקייטען האָט אין איהם אַ גרויסע בעוואונדערונג אַרויסגערופען די לעצטע צייט די איינפאַכקייט און דער לאַקאָניזם פון זייער לשון און פון סגנון.

איינמאָל האָט ער ביי מיר אויפן טיש געפונען אַ חסידישען ספר, דוכט זיך „דברי צדיקים״. אַ קוק געטאָן, זאָגט ער:

„זעהט, זיי זאָגען טאַקי דאָס, וואָס זיי ווילען זאָגען״.

דער אַ סך רעדען, דער אָנהויבען ביי יעדער זאַך פון אדם הראשון פלעגט אין איהם דערוועקען אַ כעס. די נייע מאָדערניסטישע פּלאַפּלעריי וועגען נאַציאָנאַליזם, יודישקייט, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע און כדומה האָבען איהם נעעקעלט עד להשחית. אָפט פלעג איך איהם געפינען בייז און שטאַרק אויפגערעגט נאָכן לעזען אַזאַ מין מאמר.

„רבונו של עולם! האָט ער גע׳טענ׳עט,—וואָס בין אין שולדיג, וואָס ער האָט געלייענט ניטשען? האָט עפּיס אַ בחור איבערגעלייענט אַ ניי בוך, איז דאָס אַ ריינער אומגליק אויף יודען. ער וועט אייך שוין חדשים׳ווייז שרייבען וועגען דעם אין צעהנדליגער מאמרים״.

אַ מחיה צו זעהן דעם זיידען אין אַזאַ כעס. שאַרפע גלענצענדע ווערטער פליהען ווי פונקען. איהר וועט קיינמאָל ניט זאָגען, אַז דאָס איז אַ זקן פון אַריבער זיבעציג יאָהר, און די ווייסע זילבערנע האָר ווייזען אויס ווי אַ פריהער שניי, וואָס איז אַרויסגעפאַלען אויף די פעלדער, וואָס זענען נאָך גרין.

נור זאָגען דאָס, וואָס מען האָט צו זאָגען, ווען כל עצמותי תאמרנה, און אין קורצע שאַרפע ווערטער,—דער אידעאַל האָט זיך אין איהם געשטאַרקט ביז אין דער העכסטער מדרגה. ער פלעגט אָפט זאָגען אויף זיך אַליין, אַז ער קאָן נישט שרייבען. ער איז באמת געוואָרען נאָך שטרענגער צו זיך, און

ביים לעצטען בעאַרבייטען דאָ אין גענף דעם „בעמק הבכה" האָט דער סגנון זיינער דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון קורצקייט און שענקייט.

איינמאָל האָט ער מיר איבערגעלייענט דעם אָנהויב פון אַ קאַפּיטעל. איך בין געווען ענטציקט.

—עס טויג אויף כפרות, האָט ר' מענדעלי געזאָגט. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער מיר ווייטער איבערגעלייענט די אייגענע שטעל. זי האָט מיר אויסגעוויזען גלענצענד.

—ניין, זאָגט ר' מענדעלי, נישט דאָס, עס טויג נישט.

ערשט אויפן דריטען מאָל איז ער געווען צופרידען.

## VII

אין גענף האָט ר' מענדעלי מעהר פון אַלעמען ליעב געהאַט די שענע גענפער אָזערע. ביי דער אָזערע געפינט זיך אַ גאָרטען, וואָס מען רופט איהם „דער ענגלישער גאָרטען". דאָרט פלעגט ר' מענדעלי דער זיידע אין די שענע טעג אָבזיצען שעה'נווייז, קוקען אויף דעם וואונדער־שענעם בלויען וואַסער־שפּיגעל און אויף די שענע ווייסע שטאָלצע שוואַנען, וואָס שווימען דאָרט, האַלטענדיג גלייך און הויך זייערע וואונדער־שענע קעפּ מיט דעם לאַנגען האַלבקייליעכדיגען האַלז, וואָס זעהט אויס ווי אַ האַרפע.

די דאָזיגע שוואַנען און אַנדערע פויגלען, וואָס געפינען זיך אויפן אָזערע, וואַרפט מען אָפט שטיקלעך ברויט, און זיי זענען דערצו שוין אַזוי געוועהנט, אַז ווען זיי דערזעהען אַ מענשען נאָהענט ביים וואַסער, שווימען זיי צו צום ברעג.

—דאָס ערשטע מאָל זעה איך, אַז מען זאָל גאָר פויגלען אויך מאַכען פאַר שנאָרערס, האָט ר' מענדעלי בעמערקט.

פערשטעהט זיך, אַז מיר פלעגען גאַנץ אָפט שפּאַצירען אין די אַרומיגע דערפער, וואו עס ציהען זיך כסדר די פּראַכטשענע ווילעס.

—איצט פערשטעה איך, פאַרוואָס אַ נאַר רופט מען „לא





לנו", זאָגט אין תה'ל ר' מענדעלי, בעוואונדערענדיג די דאָזיגע ווילעס, וואָס זענען בעהאַלטען צווישען גרויסע געדיכטע בוימער: אויף וואָס מיר גיבען אַ קוק—איז אַלץ לא לנו.

איינמאָל אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט זענען מיר געגאַנגען שפּאַצירען ווייט אונטער דער שטאָדט. מיר זענען תחילת געגאַנגען מיט'ן גרויסען, שענעם וועג, וואָס פיהרט אין די דערפלעך קאַלאַני און וואַנדעוור. די בערג מיט זייערע הונדערטער זילבערנע שפּיצען זענען דאָרט געשטאַנען שטיל פערטראַכט אין זייער ווייטער גרויסער פערצויבערטער וועלט, פערהאַנגען מיט אַ דורכזיכטיגען בלויען פאָרהאַנג, און נור די שטאָלצע קעפּ זייערע, וואָס גרייכען ביזן הימעל, זענען געוועזען בעדעקט מיט גאָלדענע קרוינען, וואָס די אונטערגעהענדיגע זון האָט פאַר זיי אויסגעשפּינט מיט איהרע לעצטע שטראַהלען.

מיר זענען אַראָב פון גרויסען וועג און זיך געלאָזט געהן מיט אַ שמאָלער סטעזשקע, וואָס ציהט זיך צווישען געדיכטע בוימער.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען שטיל פערטראַכט, יעדער פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, אַקעגען אַ צעהן פופצעהן מינוטען.

פלוצלינג גיט זיך דער זיידע אַ שטעל און גיט מיר אַ זאָג, אָנווייזענדיג מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנד: „איהר זעהט?"

איך האָב אַ קוק געטאָן. מיר זענען געשטאַנען נעבען אַ גרויסען פעלד, בעדעקט מיט פרישע הויכע גראָז, אַרומגערינגעלט פון אַלע פיער זייטען מיט הויכע בוימער, וואָס זענען געשטאַנען, ווי הויכע גרינע ווענט. אין מיטען פעלד איז געשטאַנען איין איינציגער גרויסער בוים מיט ברייטע צווייגען, וואָס זענען פון אויבען נאָך געווען בעלויכטען מיט די לעצטע שטראַהלען פון דער זון, וואָס איהר פייערדיגער קויל האָט זיך שוין האַלב אַרצבגעלאָזט הינטער דער וואַלדיגער שוואַרצער מורא. עטליכע מינוט זענען מיר געשטאַנען, נישט זאָגענדיג אַ וואָרט. ר' מענדעלי, אינגאַנצען איבערגעביטען, מיט פייערדיגע

בעגייסטערטע אויגען, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקען און אַלץ געקוקט אויף דעם איינפאַכען שענעם פּייזאַזש, וואָס איז אויך געשטאַנען, ווי פערטיעפט אין שטילע טרויעריגע געדאַנקען.

—אַז איך האָב אין דער יוגענד געוואַנדערט מיט די קבצנים, האָבען מיר זיך איינמאָל אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט אָבגעשטעלט פּונקט אויף אַזאַ אָרט,—האָט אָנגעהויבען ר׳ מענדעלי, שטיל, כמעט מיט אַ ציטערדיגען קול. און אין זיינע אויגען האָט זיך אַלץ צעברענט דאָס פייערל, און אויף זיינע איינגעצויגענע באַקען האָבען זיך בעוויזען רויטע פלאַמענדיגע פלעקען. איך האָב דערפיהלט, אַז דער רוח אלהים האָט זיך אויף איהם אַראָבגעלאָזט.—יאָ, מען זאָל מיר געוועזען פערבינדען די אויגען און מיך ברענגען אַהער, וואָלט איך געשוואָרען, אַז דאָס איז דאָס אייגענע אָרט.

און מיט גרויסע מעכטיגע געניאַלע שטריכען האָט ער מיר אָבגעמאָלט אַ בילד פון דעם פאַרנאַכט, מיט דעם אָבענד אין מיטן פעלד מיט די ביידלעך, מיט די פערדלעך, מיט דער כאַליאַסטרע, צעזייהט און צעשפּרייט אויפן גרינעם גראָז, די וועטשערע, וואָס האָט זיך געקאָכט אויפן צעלעגטען פייער, דעם רויך, וואָס האָט זיך ווי אַ גלייכע זייל געצויגען צום ריינעם בלויען הימעל.

פון דער שענקייט פון זיין שילדערונג האָט אין מיר אַלץ געציטערט. איך בין געשטאַנען פערצויבערט, נישט קאָנענדיג אַרויסרעדען אַ וואָרט, און נור געקוקט אויפן גרויסען ר׳ מענדעלי אונזערן, וואָס איז פלוצלינג אויסגעוואַקסען נאָך דעם מאָל גרעסער, ווי ער איז געוועזן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיין ווייס־זילבערנע קאָפּ דערגרייכט דעם הימעל, אַזוי ווי דאָרט דער ווייסער שנייעגדיגער קאָפּ פון מאָן־בלאַן.



## ד. איינהאָרן

# מענדעלי ביי דער אַרבייט

טויזענד פאָרהאַנגען, טויזענד פּרכת׳ן פערשטעלען אַ גרוי־סען מענשען פון דער גאַס, צייטענווייז פאַרביגע, צייטענווייז שוואַרצע, גראָהע, כּדי דאָס פּרעכע אויג זאָל נישט מטמא זיין דאָס אינטימסטע און דאָס הייליגסטע, וואָס רוהט ביי דעם אויסדערוועהלטען. נור אין איין איינציגען אָרט, און דאָס—אויף אַ קליינע צייט, לאָזען זיך אַראָב די פאָרהאַנגען ווי אין קדשי קדשים און ערלויבען נעהנטער צו צוקוקען זיך צו דעם, וואָס שאַפט און פעראייביגט לעבענס. דאָס איז דער קאַבינעט אין דער צייט, ווען דער אויסדערוועהלטער זיצט און אַרבייט אויף זיינע ווערק.

און צו מיין גרויסער פרייד איז מיר אויסגעקומען כּמעט צוויי חדשים צו ערלערנען איינעם פון אונזערע גרעסטע ביי איהם אין קאַבינעט, זיצרנדיג שעהן־לאַנג און צוקוקענדיג ווי אַ גרויסער מענש אַרבייט, ווי אַ גרויסער מענש שאַפט, וויפיעל ענערגיע, צייט און מיה אַ גרויסער מענש לעגט אַוועק אויף עטליכע שורות.

איך האָב מענדעלי׳ן ביי דער אַרבייט געזעהן.

מענדעלי מוכר ספרים שרייבט נישט, מענדעלי האַקט אויס ווי אַ סקולפּטאָר פון שטיין זיינע העלדען, ביי מענדעלין איז די שפּראַך נישט נור אַ מיטעל אויף אויסצודריקען געוויסע בעגריפען, נאָר אַ ווערטה פאַר זיך. אַז מענדעלי וועט אָנשריי־בען אַ וואָרט, וועט דאָס וואָרט מיט דער בעוועגונג זיין אַזוי אויפגעגאָסען צוזאַמען, דאָס מאַכענדיג די בעוועגונג, אָדער די גרימאַסע, וועט איהר מוזען זאָגען דאָס וואָרט און זאָגענדיג,

פערקעהרט, דאָס וואָרט, וועט איהר מוזען מאַכען די בעוועגונג.

איך געדענק דעם ערשטען טאָג פון מיין אַרבייט ביי איהם אַלס סעקרעטאַר. ער האָט דאַן איבערזעצט די נייע קאַפּיטלען פון דער „קליאַטשע", וועלכע זענען אָריגינעל אָנגעשריבען געוואָרען אין העברעאיש. אָבטרינקענדיג די קאַווע און אָברוהענדיג זיך אַ ביסעל, האָט ער מיר געהייסען נעהמען די פעדער, אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט נעבען פענסטער מיטן בוך אין האַנד און געהייסען: שרייבט! און פון דער מינוט אָן האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאָרשטעלונג. מענדעלי האָט נישט דיקטירט, נור פאָרגעשטעלט, געשפּיעלט ווי אַן אַרטיסט אויף דער סצענע. און פאַר מיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען שווימען לעבעדיגע טיפּען, וואָס האָבען זיך בעוועגט, גערעדט און צוריק פערשוואונדען. פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבען שטעהן פערגליווערט אין אַ גרימאַסע אויפן געזיכט, זוכענדיג דערביי דאָס וואָרט, וואָס זאָל עס אויסדריקען און נישט נור דאָס וואָרט, נור דאָס אמת־יודישע וואָרט. און נישט איין מינוט און נישט צוויי מינוט פלעגט ער אָבשטעהן אין דער פּאָזע, נור אַמאָל אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד, ביז ער פלעגט דאָס וואָרט געפינען.

—אַז איהר זעצט עפּיס איבער—פלעגט ער זאָגען—זאָלט איהר פערגעסען אָן בוך, פערמאַכט עס, קריגט עס פיינט. יעדע שפּראַך האָט איהרע גרימאַסען. און אַזוי פלעגט ער אָבשטעהן פיער שעה נאָכאַנאַנד, ווייבען, לאַכען, בייזערן זיך, קריעגען זיך, ריידען ווי אַ סוחר, ווי אַן אַלטע יודענע, ווי אַ רב, ווי אַ משכיל, נאָכמאַכענדיג יעדערן בעזונדער, און נאָך פיער שעה אָנגעשטרענגטער אַרבייט, פלעג איך זיך אַרומזעהן, אַז מעהר ווי פיער זייטלעך זענען נישט פערשריבען און דערצו נאָך שיטערע שורות מיט גרויסער שריפט. און אויפהויבענדיג זיך אַ מיעדער פון טיש, האָב איך איהם נאָך געפונען שטעהענדיג נעבען טהיר, האַלטענדיג די האַנד ביי דער נאָז אין אַ פּאָזע פון אַ שיכור און לאַכענדיג דערביי שטילערהייד— דאָס האָט ער בעדאַרפט איבערזעצען די בעשרייבונג פון





קאָשטשיי דעם מכשפ'ס נאָז און, האַלטענדיג זיך ביי דער נאָז, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַ יוד, אַ אמת'ער יוד בעדאַרף עס דערצעהלען. און אַרומגעהענדיג מיט מיר דערנאָך אויפ'ן הויף, האָט ער נאָך אַלץ געשעפּטשעט:

—„יודעלע, וואָס זאָגסטו?" דאָס איז געווען זיין שטענדיג ווערטיל, ווען איהם פלעגט שווער זיין אויסצוגעפינען דעם אמת'ן יודישען אויסדרוק.

—אַז איך דאַרף האָבען עפּיס אַ יודיש וואָרט—פלעגט ער מיר זאָגען—און איך געפין עס נישט, דאַן רוף איך אַרויס מיין יודעלע, שטעל איהם אַוועק און הייס איהם ריידען, ביז וואַנען ער זאָגט מיר אויס דאָס אמת'ע וואָרט...

און אַזוי פלעגט זיך עס ציהען טעג נאָך טעג. אין זומערדיגע הייסע טעג פלעגט ער אַכט שעה נאָכאַנאַנד נישט אַרויסגעהן פון צימער. און דערנאָך פלעגט ער אויך נישט אַרויסגעהן מיט'ן גוטען ווילען, נור די פאַמיליע פלעגט מיט געוואַלד איבעררייסען די אַרבייט און איהם אַרויסטרייבען אין וואַלד אַריין.

דאָס איז געווען אויף אַ דאַטשע ניט ווייט פון ווילנאָ.

---

יעדעס מאָל, איידער איך פלעג זיך זעצען צום טיש, פלעגט ער מיר אָנזאָגען בזה הלשון: „טאָמער וועט איהר מיעד ווערען, זאָלט איהר זיך נישט שעמען און אָברוהען זיך. אויף מיר קוקט נישט. איך קאָן אַזוי אָבאַרבייטען טעג מיט נעכט, נישט פיהלענדיג זיך מיעד. דאָס איז ביי מיר אַ מין שכרות".

און קיין וואונדער איז דאָס פאַר מיר נישט געווען, ווייל ביי מיר אין די אויגען האָט מענדעלי נישט געאַרבייט, נור געלעבט, איבערגעלעבט יעדעס וואָרט, יעדעס בילד, וואָס ער האָט דיקטירט. איבערגעלעבט זיי ווי אַ געניאַלער אַרטיסט אויף דער סצענע.

און ליעב האָט מענדעלי זיינע העלדען ביים שרייבען אין קאַבינעט אין דערזעלבער מאָס, ווי ער האָט זיי פיינט אין

זאָס. ווי אַ פאַרצייטיגער קעניג פון זיין לץ, אַז׳ האָט ער הנאה פון זיי—פון זייער קלוגשאַפט, פון זייער שאַרפקייט. און לאַכט, איראָניזירט פון זייער הויקער, פון זייער נאָז פון זייער פאָנפאַטען ריידען, און מען זעהט בעשיינפערליך, ווי זיי וויילען איהם ביי זיין אַרבייט און ווי זיי באַוועגען זיין געדאַנק.

דאָס איז שוין געווען אין שטאָדט. ווייט בעהאַלטען אין דעם לעצטען צימער פון זיין איידעמס וואוינונג, איז ער געזעסען און האָט מיר דיקטירט אַ קאַפּיטעל פון זיין „ווינשפינגעריל”. פלוצלונג עפענט זיך די טיר און עס געהט אַריין אַ מיטעלער מענש אָהן אַ היטעל. די גרויליכע האָהר פערקאַמט גלאַט, ווי די סלאַוועון טראָגען, אַ לענגליך שאַרף געזיכט מיט אַ גלייכער נאָז—אַ פנים, וואָס האָט מעהר דערמאָהנט אַ סלאַווישען טיפּ, ווי אַ יודישען. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטען אַ שטיק גלאָז און וועדענדיג זיך גלייך צום פענסטער, וואו עס איז געווען אויסגעבראָכען אַ שויב, האָט ער פערגעסען די טהיר צו פערמאַכען. אין צימער איז געוואָרען אַ ציג־ווינד. מענדעלי האָט איבערגעהאַקט אין מיטען, הייסענדיג איהם אויף יודיש ער זאָל פערמאַכען די טהיר. צי מענדעלי האָט שטיל געזאָגט אָדער דער גלעזער איז געווען טויבליך, נור די טהיר איז געבליבען אָפען. צוקוקענדיג זיך צו איהם, האָט מענדעלי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דיזעלבע ווערטער אויף רוסיש און מיט אַ העכערן טאָן. דאַן האָט דער גלעזער, ווי דערהערנדיג, שטיל פערמאַכט די טהיר. נאָך דער מעשה האָב איך בעמערקט, אַז מענדעלי איז עפּיס געוואָרען אונרוהיג; דער טאָן האָט זיך געביטען און די בעוועגונגען זענען געוואָרען וועניגער נאַטירליך און אָנגעצויגען און זיין בליק איז די גאַנצע צייט געווענדט געווען צום גלעזער. פלוצלונג גיב איך אַ קוק—מענדעלי שטעהט די הענד פערבראָכען און אויף זיין געזיכט ליעגט אַ ליעב איראָניש שמייכעל—דאָס שמייכעלע, וואָס געהט קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיין געזיכט ביים שרייבען, און די ליפּען ריידען פאַר זיך:

—ס׳אַר אַ ליעב פאָלק מיר זענען, ס׳אַר אַ טייער פאָלק. קוקט זיך איין אויף טשיקאַוועס—און מיט׳ן פינגער האָט ער





מיר אָנגעוויזען אויפן גלעזער. איך טהו אַ קוק, דער גלעזער שטעהט איינגעבויגען און פון אונטער זיין רעקעל הענגט אַרויס אַ ברעג טלית קטן מיט אַ לאַנגער כפול־שמונה׳דיגער ציצה:—אָט זעהט איהר שוין אויף וואָס מען דאַרף האָבען אָט די ציצה? מען דאַרף זי האָבען, כדי צו לאָזען זיך דערקענען. ער האָט מיך פשוט דערקוויקט מיט דער ציצה.

ביי די ווערטער איז ער אַנטשוויגען געוואָרען און זיך גענומען צוריק צו דער אַרבייט און נאָך מיט מעהר לעבעדיגקייט.

און נישט נור דער לעבעדיגער יוד דערקוויקט און דערפרישט איהם, דער געשריבענער, דער העלד פון זיין בוך, האָט אויף איהם דיזעלביגע ווירקונג.

אָפט פלעגט זיך טרעפען, אַז מענדעלי זעצט זיך אַרבייטען און עס געהט עפּיס נישט, נישטאָ דער רוח הקודש. עס געהט אַוועק אַ שעה, אָנדערטהאַלבען, די אַרבייט ווערט מוראדיג שווער און לאַנגווייליג. פלוצלונג פאַלט אַריין אַ ספּעציעל יודיש ווערטיל בעגלייט מיט אַ קאָמישען זשעסט און מענדעלי לאַכט זיך פונאַנדער מיטן פולען מויל—ווי ער נור קאָן לאַכען.

—געכאַפּט דאָס יודעלע!—און גלייך נאָך דעם געהט אַוועק די אַרבייט ווי געשמירט; איין זייטעל נאָכן אַנדערן ווערט פערשריבען און דו פיהלט בעשיינפערליך, אַז דער געלעכטער האָט געווירקט ווי אַ פרישער רעגען אויף אַ פערשמאַכט פעלד.

און צום גליק פלעגט מענדעלי זעהר אָפט לאַכען פון זיינע העלדען, לאַכען ביז טרעהרען.

נור צייטענווייז פלעגט טרעפען, אַז מענדעלי פלעגט ווערען ערנסט, דער שטענדיגער שמייכעל ווערט פערשוואונדען און אויפן געזיכט שווימט אַרויס גאָר אַן אַנדער אויסדרוק, אַ שטרענגער, אַ פערטרויערטער, און פונדעסטוועגען איז די אַרבייט געגאַנגען ענערגישער ווי אַלע מאָל,—דאָס האָט געטראָפען דאַן, ווען ער פלעגט דיקטירען פון יודישע צרות, פון פּאָגראָמען, פון גזרות און דערהויבט, ווען עס פלעגט אויסקומען צו בעשרייבען די ליידען פון אַ קינד. דאָ האָט שוין מענדעלי נישט

געלאַכט און איז נישט געווען אַפּאַטיש. דער גענישער אַרטיסט פלעגט אַוועק אָן אַ זייט, אַראָבלאָזען די אויגען, און דיקטירט האָט אַ צווייטער מענדעלי, גאָר פון אַן אַנדער וועלט, און אינטערעסאַנט איז, אַז דער הויפט-מאָטיוו דערביי איז געווען—דאָס רחמנות צום יודיש קינד, צום יתום׳ל. דערמאָהנענדיג זיך אָן אַ פּאָגראָם, פלעגט ער כמעט שטענדיג מיט טרעהרען אין די אויגען אָברוקען פון זיך דאָס פּאַפּיר מיטן בוך און דערצעהלען דעם איינדרוק, וואָס אויף איהם האָט אַמאָל געמאַכט דעם קדיש פון אַ קליין יתום׳ל נאָך זיינע עלטערן, וועלכע זענען דער׳הרג׳עט געוואָרען בעת אַ פּאָגראָם.

אויב עס איז פאַרהאַן אין זיינע ווערק אַ העלד, וואָס מענדעלי האָט ליעב, הייס ליעב,—איז דאָס הערשעלע, פון „ווינשפינגעריל״; ער פלעגט נישט קאָנען קוקען גלייכגילטיג אויף די ווילנער יודישע יונגעלעך מיט זייערע קליינע, אינטעליגענטע, פערשמוצטע פּנים׳לעך.

—דאָס זענען בני מלכים, נעביך! קוקט זיך נור איין אין זיי—פלעגט ער שטענדיג מוזען זאָגען, ווען ער האָט שפּאַצירענדיג בעגעגענט יודישע קינדער געהענדיג פון חדר.

זיצענדיג און איבעראַרבייטענדיג „די קליאַטשע״, פלעג איך בעמערקען אַ וואונדערבאַרע ערשיינונג. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אין פריהערדיגען טעקסט בעגעגען צו־שאַרפע ערטער געגען די רבנים, ישיבות און לומדי תורה, פלעגט מענדעלי מיט אַ גרינג האַרץ נעהמען אַ רויטען בלייפעדער און שטיל, אָהן אַ וואָרט צו ריידען, אויסמעקען די פראַזע אָדער ענדערן דעם סטיל.

אַ שטימונג איצט ביי איהם אַן אַנדערע.

—איך האָב גאָרנישט געוואוסט, וועמען איך האָב—האָט ער עטליכע מאָל געזאָגט, דערצעהלענדיג די איינדריקען פון זיין רייזע איבערן תחום—איצט הויב איך אָן גלויבען, אַז נישט אומזיסט איז געווען מיין אַרבייט. שטעלט זיך פאָר: טרעגער, גאַס־טרעגער זענען געגאַנגען מיך בעגעגנען.

ייון בעגייסטערט פלעגט זיך ביי דער פראַזע אויפהויבען





דער אַלטער, ווייסער זקן, אין וועלכען דריי תקופות זענען פערקערפערט.

און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט ענדיגען דערצעהלען, פלעגט ער צוגעבען:

—אַך, זעהט וויפיעל אַרבייט איז נאָך דאָ; וויפיעל מען דאַרף נאָך אַרבייטען און שרייבען;—נייע קרעפטען האָט דער טיטאַן דערפיהלט קומענדיג אין אַ נאָהנטער בעריהרונג מיט זיין מאַסע.

נייע כחות און נייע ווערק.

נאָר דאָ לאָזט זיך אַראָב דער פאָרהאַנג, וועלכער פערשטעלט דאָס אינטימע אַפילו פאַר די, וואָס זיצען אין קאַבינעט פון דעם אויסדערוועהלטען.

אין חודש טבת יאָהר תרע״א איז געפייערט געוואָרען דער 75-יאָהריגער יובילעאום פון מענדעלי מוכר ספרים.

דער יובילעאום איז דאַן געווען אַ גרויס געשעהעניש אין די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטליכע קרייזען. צווישען די יודישע שריפטשטעלער איז דאָס געווען אַ גרויסער יום-טוב און אין אָדעס—וואו דער יובילאַר האָט געוואוינט—איז דאַן געווען אַ גאַנצע וואָך יום-טוב, אַ וואָך פון עקסטאַז און פערעהרונג פאַר דעם עלטסטען פאָלקס-שריפטשטעלער.

אַלע יודישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט האָבען געווידמעט אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען דעם דאָזיגען יובילעאום. שרייבער און פערעהרער, לעזער און געזעלשאַפטליכע טהוער פון אָדעס און פון אַנדערע שטעדט—זענען געקומען צום „זיידען" ר׳ מענדעלע אום אויסצודריקען איהם זייער פערעהרונג און אַכטונג. טאָג טעגליך זענען אָנגעקומען פון שטעדט און שטעדטלעך, פון אַלע וועלט-טיילען ממש, אַדרעסען, בריעף און טעלעגראַפישע בעגריסונגען. די דאָזיגע אַדרעסען און בעגריסונגען האָבען דערגרייכט ביז עטליכע טויזענד. דאָס זענען געווען אָבקלאַנגען פון ליבע און אַכטונג, וואָס מען האָט אומעטום געפיהלט צום זיידען ר׳ מענדעלע, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק פּאָפּולער. און טאָג איין טאָג אויס זענען צו ר׳ מענדעלען אָנגעקומען די ברכות פון גאַנצען יודישען פאָלק.

ס׳איז נישט קיין גוזמא צו זאָגען, אַז די גאַנצע וואָך פון יובילעאום איז געווען אַ יום-טוב אין די יודישע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע קרייזען.





אין אָדעס 8׳ן די פייערונג פאָרגעקומען מיט גרויס פּאַראַד.

אָנגעהויבען האָט זיך דער יום-טוב דעם 26-טען דעקאַבר, אין הויז פון ר׳ מענדעלע מוכר ספרים. דאָרט האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אַלע יודישע שרייבער פון אָדעס און אַנדערע שטעדט, וואָס זענען געקומען אַלס ספּעציעלע שליחים פון דער יודישער און העברעאישער פּרעסע. עס זענען געקומען נאַציאָנאַלע עסקנים און געזעלשאַפטליכע טהוער, דעפּוטאַציעס פון פערשידענע חברות און געזעלשאַפטען פון אָדעס און אַנדערע שטעדט.

אין ר׳ מענדעלעס גרויסען ביבליאָטעק-זאַל איז איינגעאָרדענט געוואָרען פאַר׳ן בעל היובל אַ הערליכער קבלת פּנים. צום ערשטען האָט דער דיכטער ח. נ. ביאַליק דערלאַנגט אַ מתנה דעם זיידען אַן׳עקזעמפּלאַר פון „כל כתבי מענדעלי" אויף העברעיש, אַ נייע שענע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבען פון „ועד היובל" מיט דער בעטייליגונג פון די ליטעראַרישע געזעלשאַפטען אין רוסלאַנד—דער עקזעמפּלאַר איז געווען אין אַ זילבערנער בונד.

די ערעפנונגס-רעדע האָט געהאַלטען ביאַליק אויף העברעאיש, דערלאַנגענדיג דעם זיידען די כתבים זיינע און האָט צווישען אַנדערס געזאָגט אומגעפעהר:

„נאָך מיט פינף יאָהר צוריק, האָבען מיר געוואָלט פייערן דיי״ן זיבעציג-יעהריגען יובילעאום און אַרויסגעבען אַלע שריפטען דיינע. אָבער דער שרעקליכער שטורם, וואָס איז דעמאָלט דורכגעגאַנגען איבער אַלע יודישע ישובים און די גרויסע צרה וואָס האָט געשוועבט איבער אונזער פאָלק, האָט אויף אַ צייט געשטערט אונזער פּלאַן און איבערגעריסען אונזער אַרבייט. אַ שאַרפע שווערד איז געלעגען אויף אונזער האַלז, און דאָס דאָזיגע הויז, וואו מיר האָבען זיך היינט צונויפגעזאַמעלט צו פייערן מיט דיר דיין יום-טוב, איז דעמאָלט געווען אַ בית-מקלט פאַר די אַנטרונענע פון שווערד און האַק. אויך דיך, זיידע אונזערער, האָט דאָס אומגליק דערגרייכט און אויף דער

עלטער האָטשו געמוזט נעמען דעם וואַנדער-שטאָק און אַנטלויפען מיט'ן לעבען, דו מיט דיין הויז-געזינד, אין אַ פרעמדען לאַנד אַריין. טויט-שרעק איז אונז בעפאַלען, ס'איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען און די הענט האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט— מיר האָבען געטראַכט: מיר קומען אום!—אָבער זעה נאָר זעה, ווי גאָר דער שטורם האָט זיך איינגעשטילט און ווידער געפי-

מיר זיך מיט דיר צווישען די דאָזיגע ווענד און פערבערגען צוזאַמען אין ליבשאַפט. ס'איז אונז נאָך געבליבען דער מוט צונויפצוקומען זיך און פייערן דעם יום-טוב פון העברעאישער שאַפונג. און ווירקליך, שטאַרק און מוטהיג איז דאָס פאָלק, וואָס אויך אין אַזאַ ביטערער צייט, האָט עס דעם כח זיך צו דערהויבען איבער זיינע ציטווייליגע אומגליקען און צו פייערן דעם יום-טוב פון זיינע אייביגע ווערטען. פון אונטער דער האַק וואָס איז אויסגעשטרעקט איבער אונזערע קעפּ, פון אונטער דעם פוס וואָס טרעט—לאָמיר אויפהויבען אונזער קאָפּ מיט שטאָלץ און אויסשרייען צום שונא מיט שפּאָט: דיין צעשטערונג וועט אונז נישט איבערשרעקען, דאָס יודישע פאָלק הערט נישט אויף צו שאַפען—און אויב עס שאַפט—לעבט עס! אין די שווערסטע ערגסטע יאָהרען האָבען מיר געשאַפען איינע פון אונזערע בעסטע שאַפונגען—מענדעלע מוכר ספרים! זאָל לעבען דאָס יודישע פאָלק! זאָל לעבען און מאריך ימים זיין דער עלטסטער פון די יודישע שריפטשטעלער!"

פון ר' מענדעלעס אויגען האָבען גערונען טרעהרען די גאַנצע צייט, וואָס דער רעדנער האָט גערעדט.

דערנאָך האָט זיך צו איהם געווענדעט דער דיכטער ש. פרוג ז"ל און גערעדט אויף יודיש:

—ר' שלום-יעקב, אין דעם טאָג, וואָס איז אַ יום טוב פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור אונזערער, וואָס איז אַ גרויסער און ליבער יום-טוב פאַר אַלע יודען, זענען מיר געקומען אין נאָמען פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, געקומען מיט פרייד און ליבע צו בענשען אייך מיט אַ מזל-טוב! און נישט אייך אָפּצוגעבען כבוד זענען מיר געקומען, נאָר אויסצודריקען אייך





אַ טיפען דאַנק, אַ ברכה פון טיפען האַרצען פאַר דעם כבוד, וואָס איר, טייערער קינסטלער, געליבטער פאָלקס-דיכטער, האָט אונז פערשאַפט. קינסטלער, דיכטער,—ניין, ניין! דער גרויסער וואונדערליכער מענש, דער וואונדער-מענש, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען נישט. איהר זענט דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעפלאַסטערט אַ סטעזשקע דורכ'ן פערנעבעלטען, פער'כשופט'טען וואַלד. און אייער סטעזשקע איז געוואָרען אַ גרויסער ברייטער וועג. דורך פינסטערע נעכט האָט איהר געשלייכט ביי דער שיין פון אייער לאַמטערנע דורך די כסלונער בלאָטעס און קבציאלער מיסטן, האָט אויפגעקליבען די שמאַטעס פון די יודען און פון זיי געמאַכט טייערע שטיקער זייד. איהר האָט אויפגעבראַכט פון תהום פון אונזער לעבען די שטילע טרעהרען און פון זיי איז געוואָרען דימענטען און בריליאַנטען. און די יודישע שענע צאַרטע נשמה בעצאָהלט אייך. אונזער טומלען און ברומען, דאָס לויפען און שמייען, דער עגמת נפש, צרות און פגעים, די פרייד און טויט-שרעק—געהען אויף פון יעדער שטאָדט, רינגלען אייך אַרום, פלעטערן אייך אַהין און אַהער, מישען דאָ און דאָרט די וואונדערליכע קאַפּיטלעך פון אייערע ערצעהלונגען און מעשיות, וואָס זענען געשריבען מיט'ן בלוט פון האַרץ און גיפט פון דער נשמה, און אַ שטראָם פון טרייסט און האָפנונג פליסט און ברענגט אַריין אַ נייעם גייסט אין דער יודישער נשמה, וואָס איז טרוקען און צעריסען. זאָל זשע אייך, ליכטיגער וואונדער-מענש און אָדלער אונזערער! זאָל אייך גאָט געבען לאַנגע יאָהר. יודישע דורות, טויזענדער יודען לעכצען און דורשטען צו אייער יודיש וואָרט, צו אייערע וואַרימע זיסע רייד, צו אייער טיפען יודישען קרעכץ, צו אייער ליכטיג שטיל שמייכעלע. זאָל אייך גאָט געבען לאַנגע יאָהרען, טייערער זיידע!

אין נאָמען פון דער „מפיצי השכלה" בעגריסט דער בעל-היובל זיין פריינד און חבר ר' מנשה מרגלית. ער ווייזט אָן, אַז יעדער זוכט צו געפינען אין מענדעלעס שאַפונגען דאָס, וואָס אים איז טייער. אַלע רעדנער (אַ רמז אויף די ציונים) האָבען מיט

געוואַלד אַרויפגעוואָרפען זייערע פעקלעך אויף מענדעלעס „קליאַטשע". אָבער מענדעלע איז געשטאַנען ווי אַ פעלז און נישט פערשלעפט געוואָרען מיט'ן שטראָם. ער איז שטענדיג געבליבען געטריי זיין פאָלק און געוועזן דער מענדעלע פון גאַנצען פאָלק און נישט פון דעם אָדער אַנדערן.

דערנאָך האָבען דעם זיידען בעגריסט מ. אוסישקין. דער רעדאַקטאָר פון „העולם"—א. דרויאַנאָוו, אין נאָמען פון אָדעסער ציוניסטן—ד"ר סאַפּיר, אין נאָמען פון דער אָדעסער ישיבה—באַרבאַש, אין נאָמען פון די צייטונגען „הזמן" און „גוט מאָרגען"—מ. קליינמאַן, אין נאָמען פון דער צייטונג „אָדעסקי נאָוואָסטי"—אַ. סאָקאָלאָווסקי (סעדוי). דער אַרטיסט אברהם פּישזאָהן האָט דערלאַנגט ר' מענדעלען אַ ספר-תורה און אַ מענטעלע מיט זילבער אויסגענייט. פערשידענע דעפּוטאַציעס לייענען איבער אַדרעסען. צווישען אַנדערע ווערען איבערגעלייענט צוויי אַדרעסען פון די יודישע שריפטשטעלער אין אָדעס און פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט", וועלכע מיר ברענגען דאָ מיט זייער פולען טעקסט. (ביידע זענען געשריבען געוואָרען דורך ח. נ. ביאַליק).

„לאביר סופרי ישראל, הציר האמן של חיי ישראל ר' שלום יעקב ב"ר חיים משה אברמוביץ (מנדלי מוכר-ספרים) ביום מלאת לו שבעים וחמש שנה. מאת תלמידיו מעריציו סופרי-ישראל.

ישיש נעלה! ביום החג הזה לעמנו ולספרותו החדשה בכל מושבותיו ותפוצותיו—הלא תשא גם מאתנו, תלמידך-מעריצך, סופרי ישראל באודיסה, ברכה נאמנה יוצאה מלב מלא אהבה, רחשי-כבוד והכרת-תודה אין קץ אליך, ישישנו הנערץ, גדול היוצרים של ספרותנו הציורית וסגנונה בזמן הזה ובכל הזמנים.

ידענו גם ידענו, כי לא אל עם-אין-ספר ואין-לשון באת. ארבעת אלפים שנות תורה וספר עומדות כבר מאחורי עם ישראל. ואולם בתוך הענקים הספרותיים רמי-הקומה המתנשאים מרחוק כיחידי סגולה מעל לראשי הדורות—יופיע לנצח בעטרת שיבתו גם ראש קומתך הגבוהה ישיש גדול ונערץ





כי הנה מיום חיות ספרות-חול וסופרי-חן, בישראל לא קם עוד בתוכנו צייר אמן מפליא לעשות כמוך. גם בתור חוזה לספרות ישראל בספרד, וגם בשלשת היובלות האחרונים, מאז נעשה הפלא הגדול וספרותנו העברית חדשה נעורית—אין דומה לך בדבר חזה. אמנם גם בכל הימים החם לא חדלו מתוך ספרות ישראל חוזים ומשוררים, אשר טפחו את שפתנו ויסלסלוה, וישפכו מרוחם עליה וייפיה מיפי נפשם ואולם בכלם אין אף אחד אשר בקש וימצא כמוך את המפתח הנאמן למקור חייה—במקורות החיים של כל העם העברי. אתה הוא הראשון אשר הכנסת אותנו לבית חייהם של היהודים ותראם אותנו לכל מוצאיהם ומבואיהם לכל דרכיהם ועלילותיהם ולכל טפוסיהם והליכת-עולמם בימי דור שלם. אתה הראשון אשר הבאת גם אל הלשון העברית וגם אל הלשון המדוברת את קול המונם של החיים ההם ואת כל צלליתם ואורותיהם. אתה הוא הראשון אשר צמצמת בשתי הלשונות ההן את כל כח היצירה של העם היהודי בכל הדורות ותכשר את שתיהן לדבר אשר לא דברי בו מעודם. ואתה הוא הראשון אשר נתת לנו בשתיהן את הספור ואת הציור האמני ואשר טבעת לנו את המטבע הקים של סגנונם, הלא הוא סגנון מנדלי עד היום הזה. ומאז נגלית בספרותנו בדמות היהודי שביהודים, היא דמות „מנדלי" הטפוס הקבוצי של רחוב היהודים בימיך—והנה ראה גם ראה לעיניך ולעינינו נעשה גם הפלא השני: כל ספרתנו הציורית נשתנתה בהשפעתך ותהי לאחרת. פנים חדשות נתנו לה וחיים חדשים. התוך חדש והסגנון חדש. אין עתך כמעט ספר אחד אשר נקה מהשפעתך ואין כשרון אשר לא קבל תורה מבית-מדרשך. ואם יש אשר תגדל עתה ספרותנו גם גדולים חדשים, ברובם הלא מאדמתך יצמחו וזמן הקרקע אשר הכינות להם יינקו את לחם יאנחנו תלמידיך הסופרים, שזכינו לעמוד בצלך ולחיות בדורך, דורו של מנדלי, בהביענו לפניך היום מעט מכל אשר יהגה לך לבנו כל הימים, הננו מברכים אותך. ישיש גדול ונערץ, כי נזכה כלנו לראותך עוד ימים ושנים הרבה חי ומתחלך בתוכנו. והיית דשן ורוה רענן. מקורך אל יחרב וכחך אל ידל, והיה עינגו ועיני עמך רואות עוד ימים

ושנים הרבו, את ישישם הנעלה ואהוב, כשהיא יושב בתפארת שיבתו וטורז ולוטש את מרגליותיו, יוצר נזר תפארה לספרות ישראל ועטרת-כבוד לעם ישראל."

צום עלטסטען פון די יודישע שרייבער, דעם קינסטלער-מאָלער פון יודישען לעבען ר׳ שלום-יעקב ב״ר משה־חיים אבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) צו זיין פינף-און-זיבעציג יאָהריגען געבורטס-טאָג, פון זיינע תלמידים פערעהרער די יודישע שרייבער.

געשעצטער ישיש! אין דעם דאָזיגען פייערליכען טאָג פאַר אונזער פאָלק און זיין נייער ליטעראַטור, פאַר דעם גאַנצען פאָלק—וואו עס זאָל זיך נישט געפונען—נעהם צו פון אונז דיינע תלמידים פערעהרער, יודישע שרייבער פון אָדעס, אַ הייסע ברכה, וואָס קומט פון אַ האַרץ פול מיט ליבע, פערעהרונג און דאַנק אָהן גרענעץ צו דיר, אונזער בעריהמטער ישיש, דער גרעסטער שעפער פון אונזער שענער ליטעראַטור און איהר סטיל פון היינט און אַלע צייטען.

מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַז נישט צו אַ פאָלק אָהן אַ ליטעראַטור און אָהן אַ שפראַך ביזטו געקומען. אַ פיערטויזענדיאָהריגע פערגאַנגענהייט פון תורה און ספר שטעהט שוין הינטער די פלייצעס פון יודישען פאָלק. אָבער צווישען די הויכע ליטעראַטור-ריעזען, וואָס דערהויבען זיך און קוקען צו אונז פון ווייטען ווי יחידי-סגולה איבער די קעפּ פון דורות—וועט אויף אייביג שיינען דיין שטאָלצער גרייזגרויער קאָפּ, גרויסער בעריהמטער ישיש!

וואָרום פון זינט ס׳איז ענטשטאַנען ביי יודען אַ וועלטליכע ליטעראַטור און וועלטליכע שרייבער, איז נאָך נישט געוועזען ביי אונז אַזאַ קינסטלער, וואָס האָט אַזוי פיל דערגרייכט ווי דו. אויך אין דער גאָלדענער עפּאָכע פאַר דער יודישער ליטעראַטור אין ספרד, און אויך אין די לעצטע דריי יובלות, פון זייט ס׳איז געשעהן דאָס גרויסע וואונדער און אונזער העברעאישע נייע ליטעראַטור איז צוריק יונג געוואָרען—האָסטו צו זיך קיין גלייכען נישט. און דעם אמת טאָקע, אַז אויך פאַר דער גאַנצער





צייט האָבען נישט געפעלט אין דער יודישער ליטעראַטור קיין „חזנים" און „משוררים", וואָס האָבען ערצויגען אונזער שפראַך און זי אויסגעפוצט, האָבען זי בערייכערט מיט זייער גייסט און בעשיינט מיט זייער שיינקייט אָבער צווישען זיי אַלע איז נישט פאַראַן קיין איינער, וואָס האָט געזוכט און געפונען, ווי דו, דעם ריכטיגען שליסעל צו איהר לעבענס-קוואַל—און די לעבענס-קוואַלען פון גאַנצען יודישען פאָלק. דו ביזט דער ערשטער, וואָס האָסט אונז אַריינגעפיהרט אין לעבען פון די יודען און זיי אונז בעוויזען מיט זייער האַנדלען און וואַנדלען, מיט זייערע דרכים און מנהגים, מיט זייערע פיהרעכצען און אַלע זייערע טיפען פאַר דער צייט פון אַ גאַנצען דור. דו ביזט דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אי אין דער העברעאישער שפראַך אי אין דער יודישער שפראַך דאָס גערויש פון דעם דאָזיגען לעבען, מיט אַלע שאַטענס און מיט דער גאַנצער ליכט. דו ביזט דער ערשטער וואָס האָסט קאָנצענטרירט אין די דאָזיגע ביידע שפראַכען דעם גאַנצען שאַפונגס-כח פון יודישען פאָלק פון אַלע דורות און געמאַכט פון ביידע שפראַכען דאָס, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט געוועזען. און דו ביזט דער ערשטער, וואָס האָסט אונז געגעבען אין די ביידע שפראַכען די ערצעהלונג און די קינסטלערישע בעשרייבונג און אונז געשאַפען דעם שטענדיגען נוסח פון זייער סטיל. דאָס איז דער מענדעלי-סטיל ביז היינטיגען טאָג. און פון זינט דו האָסט זיך בעוויזען אין אונזער ליטעראַטור אין געשטאַלט פון יודישען יוד, אין געשטאַלט פון „מענדעלע" אין דעם קאָנצענטרירטען טיפּ פון דער יודישער גאָס—און, זעה ווי פאַר דיינע און אונזערע אויגען איז געשעהן דער צווייטער וואונדער: אונזער גאַנצע שענע ליטעראַטור איז נשתנה געוואָרען אונטער דיין השפעה און געוואָרען גאָר אַן אַנדערע. זי האָט בעקומען אַ ניי פנים און אַ ניי לעבען. דער אינהאַלט איז ניי און דער סטיל ניי. ס׳איז נישטאָ אַצינד כמעט קיין איין שרייבער וואָס איז ריין פון דיין השפעה און ס׳איז נישטאָ קיין מאַלענט וואָס האָט פון דיר נישט געלערנט. און אויב עס וואַקסען אויס אַצינד נייע גדולים אין אונזער ליטע-

ראַטור, וואַקסען זיי דאָס מעהרסט אויס פון דיין באָדען, און זיי ציהען זייער יניקה פון דעם פעלד, וואָס דו האָסט זיי צוגעגרייט. און מיר שרייבער, דיינע תלמודים, וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו זיין גאָהנט פון דיר און צו לעבען אין דיין דור, אין דור פון מענדעלען, ווען מיר דריקען דיר אויס היינט אַ טייל פון דעם, וואָס מיר טראַכטען שטענדיג, בענשען מיר דיך, גרויסער געריהמטער ישיש, אַז מיר זאָלען זוכה זיין צו זעהן דיך לאַנגע יאָהרען צווישען אונז, און זאָלסט זיין פריש און געזונד, דיין קוואַל זאָל נישט אויסטרוקענען און דיין כח זאָל נישט געמינערט ווערען און מיר און דאָס פאָלק דיינס זאָל נאָך זעהן זייער געליבטען גרויסען ישיש ווי ער זיצט בעשיינט פון זיין עלטער און שלייפט און פיילט זיינע פעריל. שאַפט די קרוין פאַר דער יודישער ליטעראַטור און איז אַ קרוין פאַר דעם יודישען פאָלק.

דער אַדרעס פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט פון אָדעס איז פאָלגענדער:

„אביר סופרי ישראל, זקנני ר׳ מנדלי מוכר ספרים!

היום הזה, במלאת לך שבעים וחמש שנה לימי חייך, יחוגו כל יודעי ספר בישראל את החג הגדול לספרותנו. בכל תפוצות הגולה ובכל מקום אשר הספר העברי נדה שמה, ינשא עתה על שפתים באהבה וברכה שם הסבא ר׳ מנדלי. צרף נא אפוא, שב גדול ונעלה, אל ברכות כל העם העברי גם את ברכתנו אנו, בני החברה לספרות ישראל באודיסה, היודעים את פעלך ועריצים שמך בתוך רבבות אלפי ישראל. זה כחמישים שנה ויותר מאז החלות תת את כחך הגדול ואת תנובת רוחך לספרות ישראל. ובכל הימים האלה ראיניך והנה אתה הולך וגדול, הולך ומשלח שרשים וענפים רבים, עד אשר גדלת ותחזק לעינינו ותגבה בקומה מכל בני דורך. והנה נצב אתה לפנינו ביום הזה במלא-גדלך ואתה איתן וחזק. כי רק איש סגילה כמוך, אשר ינוק ינק מנוער ועד שיבה מכל תהומות חיינו יחד ויעשר את רוחו מכל עוצרות עמו הגנוזים—אך הוא לבדו יעשה פרי כפריך אתה, רק האיש אשר נפשו עברה דרך כל חמישים שערי האור והחושך





של רוח עמו וחייו וישלם—אך הוא לבדו תמצא ידו לחת גוף ודמות הגוף וגוב—שפתים אל האור והחושך החם כאשר נתת בספריך אתה. ומאז גדלת ועד היום ותגדל עמך גם ספרות עמנו וירב כבודה. אין ערוב לטרגליות היקרות אשר נתת באוצרה ואין קצה להשפעתך על כל הסופרים תלמידיך. וגם את לב כל העם יהדת לאהבה את ספרותנו, כי את רוחם מצאו. פי שנים ברוחך הגדול ויראו את צלמם ביצירי כפיך, וידעו כולם כי יש סבא בתוכם. ולכבא עין נשר אשר תרא ללבב כולם ולחיי כולם. ויד אמן לסבא אשר לא תיגע מיצור צלמי איש ואיש. יצור ונתון אותם משמרת לדורות עולם. ובאחרית הימים, כאשר יפקוד אלהים את עמו ותשליחו את כל עגותו ואת כל נדודי חייו— ופנת העם אל ספרי מנדלי ומצא שם את כל דור אבותיו וזקניו והנה הם עומדים לפניו כולם כמו שהם, בעינם ובהויתם, בכעורם וביפים, בניב עפעפיהם ובעקימת שפתיהם, בשק החול ובמשי השבת, בתומתם ובערמומיתם, במעט הנחת שלהם ובצערם חרב, בניגון שנותיהם ובשמחת רגעיהם, ואולי גם דמעת-סתרים ימצא שם, הלא היא דמעת עיני של ר׳ מנדלי בעצמו... ואשר יפנה אל חזיונות רוחם של שאר הסופרים מבני דורנו—ומצא גם שם את עקבות רוחך. כי אחרי שהיית בספרות ישראל הראשון לציירי חיינו וכותב בה את הפרשה הראשונה של המקצוע האמנותי, עוד יצור יצרת ותנחל לדור גם את הסגנון הקבוע של המקצוע ההוא. הרחב הרחבת עד אין שעור את גבולות הלשון העברית ותתן לה את הצבע החי ואת התנועה החיונית ואת הממשות הפלאסטית ותבא בזה רוחה וגאולה לכל כשרון צעיר ורך אשר החל לצמוח. וגם על הלשון המדוברת בפי העם אצלת מרוחך תגביר ותעלנה אל מדרגת לשון ספרותית. והנה, היא עולה עתה מברכת ידך כפורחת ולא תמיש מעשות פרי להשביע נפש המון רב ולקרב את רוחו אל מקורות החיים והנצח של העם העברי".

(צום עלטסטען פון די יודישע שרייבער, צו אונזער זיידען ר׳ מענדעלע מוכר ספרים!

דעם היינטיגען טאָג, ווען דו ווערסט אַלט פינף און זי-

בעציג יאָהר, פייערט יעדער יודע ספר צווישען יודען דעם גרויסען ליטעראַטור-יום-טוב. אומעטום וואו יודען זענען פֿערשפּרייט, אומעטום וואו עס האָט אהין פֿערבלאָנזשעט דאָס העברעאישע בוך, ווערט מיט ליבע און ברכה דערמאָנט דער נאָמען פון זיידע ר׳ מענדעלע. בעהעפט זשע, גרויסער געשעפטער גרייז, צו די ברכות פון גאַנצען יודישען פאָלק אויך אונזער ברכה, די ברכה פון דער יודישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין אָדעס, וואָס קענען דיין אַרבעט און ריחמען דיין נאָמען צווישען די צעהנדליגער טויזענדער יודען. שוין פופציג יאָהר און מעהר, פון זינט דו האָסט אָנגעהויבען שענקען דיין גרויסע קראַפט און די פרוכטען פון דיין גייסט דער יודישער ליטעראַטור, פאַר דער דאָזיגער צייט ביזטו אַלץ מעהר געוואַקסען, אַלץ מעהר געלאָזט וואָרצלען און אַ סך צווייגען, ביז, ביזט אויסגעוואַקסען און שטאַרק געוואָרען פאַר אונזערע אויגען און זיך דערהויבען העכער פון דיין גאַנצען דור, און ביי היינטיגען טאָג שטעהסטו פאַר אונז אין דיין גאַנצער גרויס שטאַרק און פעסט. וואָרום נאָר אַזאַ אויסנאַם-מענש ווי דו ביזט, אַ מענש וואָס טוט שעפּען פון דער יוגענד ביז דער טיפער עלטער פון אַלע אונזערע לעבענס-קוואַלען צוזאַמען, און בערייכערט זיין גייסט פון אַלע בעהאַלטענע פאָלקס-אוצרות—נאָר ער אַליין קאָן געבען אַזעלכע פרוכט ווי דו האָסט געגעבען. נאָר דער מענש וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע פופציג טויערן פון ליכט און פינסטערניש פון גייסט און לעבען פון זיין פאָלק און איז גאַנץ געבליבען—נאָר איהם אַליין קאָן געלונגען צו פערקערפּערן און צו געבען אַן אויסדרוק די דאָזיגע ליכט און פינסטערניש ווי דו האָסט זיי געגעבען אין דיינע ביכער. און פון דעמאָלט ביז היינט וואָס דו ביזט געוואַקסען, איז אויך מיט דיר בגעוואַקסען די ליטעראַטור פון אונזער פאָלק און בעריהמט געוואָרען. ס׳איז נישט אָבצושאַצען די טייערע פעריל, וואָס דו האָסט אריינגעבראַכט אין ליטעראַטור-אוצר און ס׳איז גאָר קיין ברעג נישטאָ צו דיין השפעה אויף אַלע שרייבער דיינע תלמידים, און אויך דאָס האַרץ פון פאָלק האָסטו דערוועקט ליב צו האָבען אונזער





ליטעראַטור. וואָרום זייער גייסט האָבען זיי געפונען אין דיין גרויסען גייסט, און זייער אייגען געשטאַלט האָבען זיי דערזעהן אין דיינע שאַפונגען. און אַלע ווייסען, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ זיידע צווישען זיי, און דער זיידע האָט אַן אָדלער-אויג וואָס זעהט וואָס עס טהוט זיך אין האַרצען ביי אַלע און אַלעמענס לעבען זעהט עס. און אַ קינסטלערישע האַנט האָט דער זיידע, וואָס ווערט נישט מיד צו שאַפען די געשטאַלטען פון יעדער מענש, בעשאַפט זיי און לאָזט זיי למשמרת פאַר די אייביגע דורות. אין אַ צייט אַרום, אַז גאָט וועט אויפריכטען זיין פאָלק און וועט איהם מאַכען פערגעסען זיינע ליידען און פיין—וועט זיך דאָס יודישע פאָלק ווענדען צו מענדעלעס ביכער און וועט דאָרט געפונען דעם גאַנצען דור פון זיינע עלטערן און זיידעס און זיי וועלען פאַר איהם שטעהן לעבעדיגע, מיט זייער פיין און ליידען, מיט זייער מיאוסקייט און שענקייט, מיט דער בעוועגונג פון זייערע שוואַרצאַפּלען און קרומען מיט די ליפּען, מיט דעם וואָכעדיגען זאַק און שבת׳דיגען זיידענס, מיט זייער תמימות און ערמה, מיט דעם ביסעלע נחת זייערען און מיט דעם גרויסען צער. מיט דעם טרויער פון זייערע יאָהרען און מיט דער פרייד פון זייערע מינוטען, און אפשר וועט ער נאָך דאָרט געפינען אַ פערבאָרגענע טרעהר, דאָס איז די טרעהר פון ר׳ מענדעלע אַליין... און אַז דאָס פאָלק וועט זיך ווענדען צו די שאַפונגען פון די איבעריגע שרייבער פון אונזער דור—וועט עס אויך דאָרט געפינען צייכענס פון דיין גייסט. וואָרום אויסער דעם וואָס דו ביזט געווען דער ערשטער צו שילדערן אונזער לעבען אין דער יודישער ליטעראַטור, און האָסט אָנגעשריבען אין איהר דאָס ערשטע קאַפּיטעל אויף דעם געביט, אויסערדעם, האָסטו נאָך געשאַפען און געמאַכט ירש׳ענען דעם דור אויך דעם בעשטענדיגען ס ט י ל  פ ו ן  ד ע ם  ג ע ב י ט. אָהן אַ שיעור האָסטו פערברייטערט די גרענעצען פון דער העברעאישער שפּראַך און האָסט איהר צוגעגעבען די לעבעדיגע פאַרב און די לעבעדיגע בעוועגונג און די פּלאַסטישע ממשות און דערמיט געבראַכט פערלייכטערונג און אויסלייזונג פאַר יעדען יונגען טאַלענט וואָס

האָט אָנגעהויבען שפּראָצען. און אויך דער פאָלקס-שפּראַך, האָסטו באַהויכט מיט דיין שטאַרקען גייסט און האָסט זי דערהויבען צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור-שפּראַך. און דורך דיין האַנט בליהט זי איצט און וועט נישט אויפהערען צו געבען פרוכטען צו דערקוויקען דעם גרויסען המון און צו דערנעהנטערן זיין גייסט צו די קוואַלען פון לעבען און אייביגקייט פון יודישען פאָלק.)

נאָך אַלע רעדעס און ווינשונגען האָט דער זיידע אָפּגעענטפערט.

—„להיות כל איש שורר בביתו ומדבר בלשון עמו"—אַזוי האָט נאָך פאַר צוויי טויזענט יאָהר גוזר געווען איינער פון די ווילדסטע מלכים. דאָס לשון—דאָס איז די נשמה פון פאָלק. אויך אין אונזער תורה שטעהט: ויפח באפיו נשמת חיים ויהי לנפש חיה"—מאַכט דער תרגום: „לרוח ממללא." די שפּראַך דאָס איז דער רוח חיים פון מענש, און אַז מען נעהמט צו די שפּראַך פון מענשען, איז ווי מען וואָלט איהם צוגענומען דאָס לעבען, דעם כח החיוני זיינעם. איך וויל מיט דעם זאָגען, אַז עס וואָלט געווען פון מיין זייט אַ גרויסע עולה, ווען איך וואָלט פערלאָזט איינע פון די צוויי שפּראַכען, וואָס האָבען מיר אויפגעהאָדעוועט און דערצויגען פון מיין קינדהייט ביז היינט, און איך וואָלט גערעדט מיט אַן אַנדער שפּראַך. מיר פערמאָגען צוויי נשמות-צוויי שפּראַכען. אונזערע חכמים האָבען געזאָגט, אַז אַ יוד האָט צוויי נשמות, אַ וואָכעדיגע נשמה און אַ הייליגע נשמה—אַ נשמה יתרה. אונזער העברעאישע שפּראַך איז די נשמה יתרה, אַ הייליגע זויבערע שפּראַך, אין וועלכער די גאַנצע וועלט זעהט זיך ווי אין אַ שפּיגעל, וואָס איז אַלט ווי די וועלט און איהר קוואַל וועט קיינמאָל נישט אויסטריקענען. און די אַנדערע שפּראַך איז די נשמה פון וואָך, פּיין און ליידען, וואָס איז טרויריג ווי די יודישע נשמה אינדערוואָכען. און די דאָזיגע ביידע נשמות, אַ דאַנק וועלכע איך זעה אייך היינט ביי מיר—האָב איך נישט געקענט פערבייטען אויף אַן אַנדער שפּראַך.

איצט, ערלויבט מיר אייך צו זאָגען עטליכע ווערטער





וועגען עצם יום טוב. אין אונזער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, איז אין ערגיץ נישט קיין זכר פון דעם מען זאָל ווען עס איז פייערן עמיצען דעם געבורטסטאָג זיינעם. פערקעהרט, לויטן יודישען מוסר איז „טוב יום המות מיום הולדו". אָבער יודען האָבען זיך אַלע מאָל ליעב משמח צו זיין צוליעב דער תורה. אין די ביטערסטע שווערסטע צייטען האָבען יודען זיך געלאָזט אין אַ טענצעל אום שמחת־תורה. זיי האָבען פערגעסען דאָס גאַנצע אָרימקייט און נאָר די תורה האָבען זיי אין זינען געהאַט. אַזוי איז אויך געווען ווען מען האָט געמאַכט אַ סיום אויף אַ מסכתא—די יודען האָבען פערגעסען דאָס גאַנצע ביטערע לעבען זייערס און זיך געפרעהט מיט דער תורה, און דאָס איז איינע פון די סבות צוליעב וועלכע איך האָב מסכים געווען אויף דעם יובילעאום. צום ערשטען האָב איך זיך געקווענקעלט און געצווייפעלט: צי מעג איך אין אַזעלכע צייטען מאַכען חגיגות און צי קומט עס מיר. אָבער, אַזוי ווי איהר פייערט דעם סיום פון דער תורה—מעג איך אויך צושטעהן און זיך פרעהן צוזאַמען מיט אייך.

אויב אָבער איהר מיינט, אַז צוזאַמען מיט דעם סיום ענדיגט איהר די תורה נישט אָנצוהייבען זי פונדאָסניי—האָט איהר אַ גראָבען טעות. באַלד נאָך „לעיני כל ישראל" הויבען יודען תיכף אָן פון „בראשית" און איך האָף אַז אויך מיין סיום וועט זיין אַזעלכער, אַז איך וועל באַלד אָנהייבען פון „בראשית", און אויב איהר האָט מיר געוואונשען איך זאָל לעבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר—גיב איך צוריק די ברכה, וואָרום ווען איך וועל אַלט ווערן הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וועט איהר אַלע זיך דאָ געפינען צווישען די וואָס וועלען מיר בעגריסען".

נאָך דעם זיידענס רעדע זענען די שרייבער און פריינד פון יובילאַר אַריינגעגאַנגען אין זיין קאַבינעט און דאָרט געהאַלטען טאָסטען ביי אַ גלעזעל וויין. דאָרט האָבען איהם אויפסניי בעגריסט ביאַליק, ספּעקטאָר, ראַווניצקי און האָבען פערבראַכט עטליכע שעה אין געשפּרעכען.

מיט פיר טעג שפּעטער, האָט מען איינגעאָרדענט פאָרן

יובילאַר אַ באַנקעט אין קלוב. אין זאַל זענען זיך צענויפגעקומען ביז צוויי הונדערט מאַן, שרייבער, קינסטלער, ציוניסטען, חשובע בעלי בתים און כלל־טוהער. אַ סך מענשען, בעזונדערס סטודענטען און יונגעלייט האָבען נישט געקענט בעקומען קיין איינגאַנג־בילעטען—ווייל ס׳איז קיין אָרט נישט געווען. עלף אַ זייגער אין אָווענד איז אין זאַל אַריינגעקומען דער יובילאַר אין דער באַגלייטונג פון ביאַליק, ראַווניצקי, פרוג און ספעקטאָר. שטורמיגע אַפּלאָדיסמענטען האָבען לאַנג אָבגעהילכם איבערן זאַל. דאָס איז געווען דער העכסטער מאָמענט פון דער פייערונג. אַלע הערצער האָבען געשאַלט מיט פרייד און ליעבע צום גרויסען זיידען. דערנאָך זענען אַלע געוואָרען שטאַרק שטיל און די אויגען נישט אָבגעריסען פון דעם שטאָלצען זקן.

ס׳איז באַלד אויסגעקליבען געוואָרען אַ פערוואַלטונג וואָס זאָל אָנפיהרען מיט׳ן באַנקעט: פאָרזיצער—ש. פרוג, זיינע געהילפען—ח. נ. ביאַליק און ד״ר הימעלפאַרב. אין גרויסען זאַל איז דער טיש געווען פרעכטיג געגרייט. דער מיניו איז געווען אויסגעשטעלט לויט מענדעלעס ווערק געשריבען אין העברעאיש און יודיש:

-געזאַלצענס—„בעמק הבכא".
פיש—„פישקע דער קרומער".
פלייש—„ספר הבהמות".
רעדעס—„לא נחת ביעקב".
סאָדעוואַסער—„בימי הרעש".
פרוכטען—„חג האסיף".

און אַזוי ווייטער.

פרוג האָט געעפנט דעם באַנקעט און איבערגעלייענט אַ בעגריסונג־בריעף פון צענטראַל קאָמיטעט פון ליטעראַרישע געזעלשאַפטען אין פעטערבורג. עס זענען דערביי אָנגעקומען אַ סך טעלעגראַמעס: פון אחד העם, הרב טשערנאָוויטש, שלום עליכם, דובנאָוו, הרב מזא״ה, רעדאַקציע „יעווריייסקי מיר", פון טאַרנאָווער „פועלי ציון", פון דער געזעלשאַפט „אחוה" אין לעמבערג. פון די קורסאַנטען אין גראָדנע, פון דער געזעלשאפט





„קדימה" אין מאָסקווע. פון פערשיקטע אין סיביר, פון אַ גרופּע יודישע שרייבער אין וואַרשע, פון די צייטונגען „הד הזמן", „המצפה", „הירדן", „אונזער לעבען", „לאָדזער טאַגעבלאַט", „לאָנדאָנער יודישע זשורנאַל", „פראַנקפורטער פאַמיליענבלאַט", „ראַזסוועט", „מאָמענט". פון די חברות „מפיצי השכלה" און „חובבי שפת עבר" פון אַ סך שטעדט, און נאָך אַ סך.

דערנאָך האָבען זיך אָנגעהויבען די רעדעס.

דער שריפטשטעלער אַ. דרויאַנאָוו זעהט אין יובילאַר אַ לעבעדיגען בעווייז קעגען די וואָס לייקענען אין די נוצען פון דער השכלה-עפּאָכע. מענדעלע איז אַ זון פון דער תקופה פון פערשפרייטען השכלה און וויסענשאַפט צווישען פאָלק און דאָס איז איינע פון זיינע גרויסע פערדינסטען. מ. קליינמאַן האָט אָנגעוויזען, אַז ער אַלס פּובליציסט געפינט, אַז מענדעלע איז דער שעפער פון נייעם סטיל, ער האָט געהאָלפען אַראָבצונעמען פון דער העברעאישער שפראַך דעם הייליגען טלית און מאַכען פון איהר אויך די שפּראַך פון טאָג-טעגליכען לעבען—פון דער טאָג-טעגליכער צייטונג. ד״ר שימקין האָט גערעדט אין נאָמען פון די סטודענטען און אָנגעוויזען, אַז דורך מענדעלען, דורך דעם וואָס ער האָט געשילדערט דאָס יודישע פּאַטריאַרכאַלע לעבען זענען אויך זיי, די סטודענטען, וואָס זענען ערצויגען געוואָרען אויף אַ פרעמדער שפראַך, דערנעהנטערט געוואָרען צום פאָלק און צום יודענטום. שנייפּאַל, דער פאָרשטעהער פון דער אַמעריקאַנער צייטונג „וואָרהייט" זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער יודען פייערן איצט מענדעלעס יובילעאום אויף אַ פאָלקס-פערזאַמלונג פון צעהנדליגער טויזענדער מענשען און ווינשט דעם יובילאַר, אַז ער זאָל זוכה זיין צו דערלעבען דעם טאָג, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק זאָל פייערן דעם יום-טוב פון גרעסטען שעפער און קינסטלער זייערן. ש. טשערנאָוויטש רעדט אין נאָמען פון „הצפירה" וואָס ווייזט אָן, אַז מענדעלע שילדערענדיג דאָס ביטערע גלות-לעבען פון יודען אַ גאַנצע וואָך און דאָס ריינקייט און שענקייט פון יודישען שבת—איז דערמיט געווען אי דער קטיגור אי דער סניגור פון גלות. זשאַבאָטינסקי האָט גערעדט

חעגען די פערשטויסענע, וואָס מענדעלע האָט זיי דערנענטערט צום יודענטום, דורך דער שענקייט און פראַכט אין עבר, וואָס ער האָט פאַר זיי ענטפּלעקט. נישט די צרות און צער מאַכען ליב דאָס פאָלק ביי די זין פון פאָלק, נאָר דאָס שענקייט און דערהויבענקייט וואָס געפינט זיך אין לעבען פון פאָלק.

דערנאָך האָט פרוג געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע וועגען דער גרויסער אַרבייטסזאַמקייט פון זיידען:

„פון אַלע שענע רעדעס, וואָס מען האָט געהאַלטען, האָבען מיר געהערט איין עיקר-געדאַנק—ר' מענדעלע איז דער שעפער פון אונזער נייער ליטעראַטור. און ס'איז טאַקע אַזוי. דער זיידע האָט געשאַפען אונזער ליטעראַטור. די ביבליאָגראַפען בעצייכענען אפילו די צייט, ווען יעדע זאַך זיינע איז געשאַפען געוואָרען. אין פלוג איז דאָך דער ענין פון יצירה גאָר אַ גרינגע זאַך, ווי אין פסוק שטעהט: „יהי אור—ויהי אור", גאָט האָט געזאָגט—און ס'איז געוואָרען. ער האָט געגעבען אַ בעפעהל און דער פיש שווימט, דער בוים בליהט וכדומה—אַלץ איז בעשאַפען געוואָרען כהרף עין. אָבער עס איז פאָרט נישט אַזוי. די אַרבייט פון קינסטלער איז זעהר אַ שווערע. וויפיל האָט דער קינסטלער ר' מענדעלע געשלייפט און געגלעט, האָט חרוב געמאַכט וועלטען און זיי צוריק אויפגעבויט, האָט געאַרבייט מיט'ן שווייס, האָט געשריבען און געמעקט און ווידער געשריבען, האָט געטראַכט, געפאָרשט און פעריכט, ביז די שאַפונגען זענען אַרויסגעקומען ווי עס בעדאַרף צו זיין. פון אַ „תהו ובהו" האָט ער בעשאַפען אַ לעבעדיגע שפראַך און פון מירמעלשטיין האָט ער אויסגעהאַקט לעבעדיגע בעשעפענישען. ווי שווער איז איהם די אַרבייט אָנגעקומען! דורך אַ געדיכטען ווילד-בעוואַקסענעם וואַלד האָט ער געדאַרפט דורכשלאָגען אַ וועג און אַלע ווילע ברייטער מאַכען דעם וועג, כדי די דערנער זאָלען אים נישט די שיין פערשטעלען. היינט איז דאָך דאָס בוך נישט דאָס, וואָס עס איז געוועזן אין יענע צייטען. דעמאָלט האָט דאָס בוך געהאַט אַ וואָג קיין עין-הרע. וויפיל צעהנדליגער יאָהרען, אַז מען האָט עס געשריבען און וויפיל יאָהר האָט עס געוואַגעלט





אין גלות ביים „בחור הזעצער", אַזאַ ספר איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, פון טאַטען צום זוהן און אייניקעל. און היינט? היינט ווערט אַלץ געמאַכט גרינג און אויף איין פוס, כלאחר יד. דאָס שרייבען און דרוקען, דאָס לייענען און קריטיקירען—אַלץ ווערט געמאַכט בנשימה אחת. און אַז דער זיידע בעטראַכט דעם וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, ווערט זיין יודיש גרויס וואַרעם האַרץ פול מיט פרייד. אויף דעם וועג וואו אלתר יכנה"ז און מענדעלע האָבען זיך נישט געקאָנט בעגעגענען נישט אָנשלאָגענדיג זיך שטערען אָן שטערען—סאַר אַ רעש און אַ טומעל עס איז אויף דעם וועגו ווי אַן'אָדלער, ווי אַ שטורם, ווי אַ פייל פון בויגען פליהט און דערהויבט זיך אַלץ העכער און העכער צו די ליכטיגע שטראַהלען פרץ; ווי אַ ווילד צעלאָזטער לאַשאַק טראָגט זיך שלום אַש פון „שטעדטעל" צו דער ווייטער גרויסער וועלט... אין אַ בעל-הבתישער פוהר אָנגעלאָדען מיט אַלערליי „מיני מזונות" פאָהרט ספעקטאָר. עס טראָגען זיך דורך ווי אַ בליץ מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, פרוג זאָגט איהר? זאָל זיין אויך פרוג. און די פייער מרכבה, אין וועלכער אליהו הנביא איז אַרויף אויפ'ן הימעל און פון איהר איז אַראָבגעקומען ביאַליק—פליהט ווייטער און ווייטער און די „מגלת האש" וויקעלט זיך און לאָזט זיך אַראָב פון איהר. און דער זיידע שטעהט אין קוקט צו דאָס אַלץ און זיין האַרץ ווערט צעשמאָלצען פון פרייד.

פרייד און גליק—איז דיין חלק, טייערער זיידע, דער אויסגעפלאַסטערטער וועג איז דיינער, דו מיט דיינע הענט האָסט איהם געפלאַסטערט דורך געדיכטע וועלדער, דו האָסט אויפגעשטעלט די צייכענס און וועג-ווייזער, מיט דיין גאָלדענער פען האָסטו אָנגעצייכענט: „פון כסלון קיין בית אל", „פון קבציאל צום הר הבית", פון פינסטערניש צום ליכטיגקייט, פון שטיף-טאַטעס און שטיף-מאַמעס צום אַלטען ליבען פאָטער, צום טייערן אייביגען פאָטער. צום אַלטען פאָטער, וואָס זאָל אונז בענייען און אונז געבען כח און קראַפט—יהי רצון—אַז מיר אַלע וואָס חינקען ווי פישקע, וואָס זענען איינגעבויגען צום אומפאַלען,

זאָלען זוכה זיין צו פייערן צוזאַמען מיט דיר—זיידע—דעם גרויסען יובל—צו וועלכען מיר האָפען שוין צוויי טויזענד יאָהר, זאָל לעבען דאָס יודישע פאָלק און זאָל לעבען זיין נשיא ר' שלום יעקב אַבראַמאָוויטש!"

ח. נ. ביאַליק ענטפערט די רעדנער, וואָס האָבען זיך בעמיהט אָנצוקליידען מענדעלען אין פערשידענע לבושים און אַרויסדרינגען מיט זייער פלפול, אַז ער איז געווען נאָענט צו זיי. אַלע פלפל'ען און חקירה'ן און צערייסען מענדעלען אויף שטיקער. דער קלויבט זיך אויס מענדעלע דעם משכיל, דער—ציהט איהם צו דער אָרטאָדאָקסיע, דער—צו ציוניזם. אָבער וואָס זאָגט דער זיידע אַליין אויף דעם? ער לאַכט. איהם קאָן מען נישט צערייסען. ער איז צוויי, וואָס איז איינס. איין העלפט דערגענצט די צווייטע און איז נישט קיין סתירה צו דער אַנדערער העלפט. ער איז נישט קיין העברעאיסט און נישט קיין זשאַרגאָניסט, נאָר אַ העברעאיסט און זשאַרגאָניסט צוזאַמען.

ביאַליק רעדט דערנאָך וועגען דעם וואונדער, וואָס דער זיידע איז געוואָרען יונג אויף דער עלטער. דאָס בליהען פון זיין טאַלענט האָט זיך אָנגעהויבען מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק, לויט זיין גייסט איז ער כלל נישט אַלט קיין פינף און זיבעציג יאָהר. פון יאָהר צו יאָהר וואַקסט ער מעהר, בליהט און ענטוויקעלט זיך. דאָס איז אַ בוים וואָס האָט זיך דערוועקט איצט אויף דער עלטער און אָנגעהויבען אַרויסגעבען זיינע פרוכטען. צי איז דאָס דען נישט דער סימבאָל פון יודישען פאָלק? צי איז דאָס דען נישט אַ בעוויז, אַז ערשט איצט הויבען מיר זיך אָן צו ענטוויקלען אויף דעם געביט, וואָס איז פון אונז ווייט געווען—אין דער קונסט? מיט היינטיגען טאָג האָט דאָס יודישע פאָלק דעם ערשטען מאָל געגעבען זיין הסכמה צו דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. ביז אַהער איז ביי די יודען חשוב געווען נאָר דאָס אַלטע ספר, און דאָס נייע האָט מען גערופען מיט'ן נאָמען „ביכעל", וואָס פאַסט נאָר פאַר ווייבער און קינדער, און היינט זאָגט עדות די פייערונג; וואָס ס'האָבען געפייערט טויזענדער יודען אין אַלע עקען וועלט, אַז





מיר האָבען אַ ליעבע געשעצטע ליטעראַטור, וואָס האָט אַ צוקונפט.

איינס פון די וואונדער פון זיידענס שאַפען איז זיין אַרבייט אויפ'ן געביט פון דער שפראַך. צוויי שפראַכען האָבען מיר געהאַט: איינע האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָבגעלאָזט אין קעלער אַריין, און די צווייטע איז נישט אויפגעשטיגען צום הימעל; איינע איז געווען די אונטערשטע טייל גוף, און איינע—די אויבערשטע טייל. און דער זיידע האָט צווישען זיי שלום געמאַכט און זיי בעהעפט אין איין גוף, האָט איינע אַראָבגעניעדערט צום לעבען פון מאַרק און צום לעבען פון גאַס און קעלער, און די צווייטע האָט ער דערהויבען און זי בערייכערט מיט אַ סך קאָלירען און פאַרבען, מיט די פאַרבען פון פּאָעזיע און שענקייט. אויף וואָס וואָלטען מיר געקאָנט אָנווייזען אַלס אַ צייכען פון אויפלעבונג פון העברעאיש, ווען נישט די העברעאישע שפראַך און סטיל פון זיידען? און דעם זשאַרגאָן האָט ער געגעבען די ליטעראַטור-שפראַך און דערמיט ביידע אַ טובה געטהון. זאָלען קעמפען די ביידע שפראַכען, און אויב איינע פון זיי האָט דעם כח—זאָל זי מנצח זיין. אַזוי איז אויך געווען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, ווען ס'האָבען געקעמפט די סירישע און אַראַמישע שפראַכען מיט העברעאיש. און לסוף איז די אַראַמישע שפראַך איינגעשלונגען געוואָרען אין דער העברעאישער און איהר צוגעגעבען אַ סך חן.

ביאַליק ווינשט דעם זיידען, דעם ריזיגען בוים, אַז אויף זיינע צווייגען זאָלען זינגען נייע פייגעל, וואָס זאָלען ברענגען דעם שענעם זומער פאַר'ן פאָלק און זיין ליטעראַטור.

דער זיידע האָט געענטפערט אויף אַלע רעדעס און האָט געזאָגט, אַז עס וואָלט שוין צייט געווען צו מאַכען אַ סוף צום שפראַכען-קאַמף.

נאָך די רעדעס האָט דער פאָרזיצער געשלאָסען דעם אָווענד. גרופעס יונגעלייט הויבען אָן זינגען פאָלקס-לידער און ציון-לידער. ס'איז זיך שווער צו שיידען מיט'ן זיידען און מען פערברענגט אַזוי שעה'ן-לאַנג. ביז ס'האָט אָנגעהויבען טאָגען.

דער זיידע איז אַרויס פון זאַל און נאָך איהם דאָס גאַנצע פּובליקום.

אויסער דעם האָט מען געפייערט מענדעלעס יובילעאום אין א. פישזאָנס טעאַטער. דאָס טעאַטער איז געוועזן פול געפאַקט פון פובליקום. פשוט'ע האָרפּאַשנע מענשען און אויך די יודישע אינטעליגענץ האָבען דאָס טעאַטער פערפולט. און אויך אין טעאַטער האָט געהערשט אַ געוואַלדיגע התלהבות. דעם זיידען האָט מען אין דרויסען געכאַפּט און אויף די הענד אַריבערגעטראָגען אין טעאַטער. דער כאָר האָט אויפגענומען דעם זיידען זינגענדיג „זיידעניו", וואָס איז געוועזן ספּעציעל געווידמעט פאַר'ן יובילאַר. צום ערשטען האָט מען געשטעלט דעם „פריזיוו" פון מענדעלען און מען האָט דעם זיידען געמאַכט געוואַלדיגע אָוואַציעס. דערנאָך האָט מען פאָרגעשטעלט אַ רייע טיפּען מענדעלעס און מען האָט געזונגען פאָלקס-לידער. דער זיידע איז געשטאַנען אַזש צעטומעלט צוקוקענדיג די שיינענדיגע פנים'ער פון זיינע ברידער, וואָס זענען אַזוי בעגייסטערט פון זייער שעפער און דאָס האַרץ איז אין איהם געוואַקסען פון גרויס פרייד.

אָט איז פאַר איהם דאָס פאָלק, פאַר וועלכען ער האָט אַלע זיינע יאָהרען געאַרבייט. און זיין אַרבייט איז נישט פערפאַלען געוואָרען.

אַ לענגערע צייט איז דאָס גאַנצע פובליקום געשטאַנען אַרום מענדעלען און גערופען:

—זאָל לעבען דער זיידע!

---

אַ חוץ די פייערונגען וואָס מען האָט געפייערט דעם יובילאַר אין אָדעס—האָט מען אויך געפייערט דעם יובילעאום פון זיידען אומעטום, אין אַלע יודישע צענטרען אין גאַנץ רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. יעדע יודישע שטאָדט, וואָס פערמאָגט יודישע לעזער, האָט זיך בעטייליגט אין דעם גרויסען ליטעראַטור יום-טוב.





די וואַרשאָווער שרייבער און זשורנאַליסטען האָבען איינגעאָרדענט לכבוד דעם יובילעאום אַ באַנקעט אין „הזמיר". דער פאָרזיצער איז געוועזן י. ל. פרץ ז"ל. אַ גאַנצע רייע שריפטשטעלער זענען אַרויסגעטרעטען מיט רעדעס אויף העברעאיש און יודיש. האָבען יעדער אויף זיין אופן געגעבען אַן'אָבשאַצונג איבער מענדעלען און איבער זיין השפעה אויף אונזער ליטעראַטור.

אויף דעם באַנקעט איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצוגעבען אַ כרעסטאָמאַטיע פון מענדעלעס שאַפונגען. די וואַרשעווער ליטעראַרישע געזעלשאַפט האָט איינגעאָרדענט אַ גרויסען מיטינג לכבוד דעם יובילעאום. אויף דעם מיטינג זענען אַרויסגעטרעטען דינעזאָן, נאָמבערג, טשעמערינסקי און אַנדערע שרייבער און געזעלשאַפטליכע טהוער.

די יודישע שרייבער אין פעטערבורג האָבען געפייערט מענדעלעס יובילעאום דורך אַ פערזאַמלונג, וואָס ס'האָט איינגעאָרדענט די ליטעראַרישע געזעלשאַפט. וועגען מענדעלען דעם קינסטלער האָבען גערעדט ש. צינבערג און ש. אַנ—סקי. שלום אַש האָט געשילדערט פאַר די פערזאַמעלטע מענדעלעס פערזענליכקייט לויט אייגענע איינדרוקען. ש. טשערניכאָווסקי האָט גערעדט וועגען מענדעלען דעם נאַטור-שילדערער. ס'רוב פון די פערזאַמעלטע איז געוועזן פון דער יוגענד, סטודענטען און קורסיסטקעס.

די ליטעראַרישע געזעלשאַפטען אין אַלע שטעדט האָבען איינגעאָרדענט אָווענדען און רעפעראַטען פאַר דעם יובילעאום. האָבען געשיקט בעגריסונגען דורך בריף און טעלעגראַמעס און די צייטונגען. און דער נאָמען מענדעלי איז געוועזן אויף די ליפּען פון אַלע וואָס לייענען אַ יודיש בוך.

די בשורה פון דעם יום-טוב האָט זיך פערטראָגען אויך אין די ווייטע פרעמדע לענדער, וואו יודען זענען צעזייט און צעשפּרייט. אין אַלע שטעדט אין אויסלאַנד האָט מען איינגעאָרדענט אָווענדען און פערזאַמלונגען לכבוד דעם יובילעאום.

די נאַציאָנאַלע יודען און יודישע אַרבייטער-פּאַרטייען אין

זייען האָבען אין פערלויף פון אַ גאַנצער וואָך איינגעאָרדענט גרויסע פערזאַמלונגען לכבוד מענדעלין, האָבען געהאַלטען רע־דעס און געזונגען לידער, האָבען געלייענט מענדעלין און וועגען מענדעלין.

אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע) האָט די סטודענטען־געזעל־שאַפט איינגעאָרדענט אַ מענדעלי־אָוועגד. די גאַנצע אַקאַדעמישע יוגענד איז געקומען אויף דעם אָוועגד. און ווידער רעדעס, רעפעראַטען, פאָלקס־לידער און אַנד.

אין אַנטווערפּען (בעלגיע) האָט די נאַציאָנאַלע יודישע יו־גענד איינגעאָרדענט אַ גרויסען אָוועגד צום מענדעלי־יובילעאום. אויף דעם אָוועגד איז געלייענט געוואָרען אַ העברעאישער רע־פעראַט וועגען מענדעלי אַלס „משורר הדלות והטבע“. דערנאָך האָט מען געלייענט מענדעליס שריפטען אויף העברעאיש, יודיש און דייטש.

אין מאַנטשעסטער (ענגלאַנד) האָט די „חברת ציון“ איינ־געאָרדענט אַ מענדעלי־אָוועגד און דאָרט געשטעלט „די טאַקסע“.

גרויסע מענדעלי־אָוועגדען זענען איינגעאָרדענט געוואָרען דורך יודישע סטודענטען אין זשענעווע, בערן און אַנדערע שטעדט.

מענדעליס יובילעאום איז געווען אַן־אמת׳ער פאָלקס־יום־טוב. אין יובילעאום האָבען אָנטייל גענומען כמעט אַלע שיכטען פון יודישען פאָלק.



ת. נ. ביאַליק

# נאָכן ווידענס יוביליעאום

# א.

אין איינעם פון זיינע געשפרעכען אויפ׳ן באַנקעט פון זיידענס גרויסען פינף און זיבעציג יאָהריגען יובילעאום, האָט דער זיידע געזאָגט אומגעפער:

—אַ יובילעאום איז אַ „סיום״, און איהר ווייסט דאָך, אַז אום שמחת תורה, און יום טוב פון סיום התורה, איז מען מסמיך די „פתיחה״ צו דער „חתימה״. מען ענדיגט „לעיני כל ישראל״ און מען הויבט באַלד אָן „בראשית ברא״. דער סוף איז בעהעפט מיט׳ן אָנהויב, און תיכף נאָך „חתן תורה״ קומט „חתן בראשית״.

און האָט צוגעגעבן:

—איהר האָט מיר געמאַכט אַ יובילעאום און געמיינט, אַז איהר לאָזט מיר שוין פריי—האָט איהר אַ טעות! איך וועל נישט אַרויסגעהן פריי. מתים זענען פריי—זאָגט דער פסוק, און איך וויל נאָך לעבען. ווינשט זשע מיר לאַנגע יאָהרען. וואָרום אַ סך אַרבייט האָב איך נאָך. היינט האָט איהר מיך אויפגערופען צו „חתן תורה״ און מאָרגען ווער איך אויפגערופען צו „חתן בראשית״. איך דאַרף אָנהויבען פון דאָסניי.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווי נאָר דער רעש פון יובילעאום איז דורך—און דער זיידע איז צוריק צוגעוואַקסען געוואָרען צו זיין אַרבייטס-טיש. זיין זילבערנער קאָפּ דורכגעפלאָכטען מיט תכלת-פעדים איז ווי-דער איינגעבויגען איבער דעם גרויסען בויגען פּאַפּיר. די קליי-

נע שאַרפע אויגען שרומפען זיך איין ווי זייער שטייגער אונטער די ברילען, שרומפען זיך איין פון גרויס פערטיפונג און אינערליכער בעאָבאַכטונג, ביז זיי זעהן אויס ווי צוויי גרילען־קעפלעך און די האַנט פערילט ווי איהר געוואוינהייט דינע רייניע אותיות׳לעך—שוואַרצע פערעלעך. אַ סך האָט דער זיידע פערטראַכט צו שאַפען. ער רעכענט אויפצושרייבען אַ גאַנצע רייע קליינע זאַכען וועגען יודישען שטוב-לעבען. צום ערשטען—וועגען יודישע ימים-טובים און פייערונגען און דערנאָך וועגען אַנדערע זאַכען פון יודישען „בית". דערווייל איז צום ערשטען אַרויס די קליינע גלענצענדע זאַך ל„יום השבת"*) און פון אויבען שטעהט דאָס אות א., ס׳הייסט: די ערשטע זאַך פון דער רייע. נאָך דעם וועט, אם ירצה השם, קומען אויך די צווייטע—אויף פסח, די דריטע אויף שבועות, און אַזוי אויף אַלע יודישע ימים-טובים און פייערונגען. די איבעריגע זאַכען זענען אפילו נישט אויפגעשריבען געוואָרען, אָבער דערפאַר זענען צוגעקומען עטליכע וואונדערליכע קאַפיטלען צו זיין גרויס ספר אויף וועלכען מיר האָבען נישט זוכה געווען ער זאָל פערענדיגט ווערען—דאָס איז זיין „בימים ההם". אינמיטען האָט ער אויפגעשריבען צוויי נייע ליטעראַרישע פעריל**) צוויי מוזיניקלעך, וואָס זענען מיט זייערע פרישע פאַרבען, מיט דער קינסטלערישער קאָנצענטרירטקייט און אינערליכער קראַפט, און דער עיקר, מיט׳ן נייעם טאָן אין זיי—איבערגעשטיגען אַ סך פון זיינע שאַפונגען, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען פריהער פאַר׳ן יובילעאום. אַ מין שעפערישע פרייד, אַ יוגענד-קראַפט כמעט, האָט געאָטעמט פון יעדער שורה. דער גרייזגרויער אַדלער איז ווי פלוצלונג יונג געוואָרען, און אַ נייער גייסט, אַ שטאַרקער יונ-

*) געדרוקט אין כל כתבי מנדלי מו"ס פרק ג הוצאות ועד היובל באודסיה תר"עב.

**) אונטער׳ן אלגעמיינעם נאָמען „ממסר הזכרונות" א, יב: געדרוקט אין צווייטען באַנד ספר רביעי, דריטע אויפלאַגע הוצאות „מוריה" באודסיה תרע"ז.





גער גייסט האָט זיך אין איהם דערוועקט, און אָט דער גייסט האָט בעזאַלבט מיט זיין יוגענד און פרייד אויך די דאָזיגע שאַפונגען זיינע. מיר האָבען זיי געלייענט, געזען דעם וואונדער און געשטוינט. אַזאַ מענש—האָבען מיר געטראַכט—וועט נישט וויסען פון קיין זקנה און אפיסות כח ביז דעם לעצטען טאָג. -אַזאַ מענש וועט אין זיין עלטער נאָך לאַנגע יאָהרען בליהען.

און ווירקליך: די זקנה האָט אין איהם כמעט נישט שולט געווען. זיין געשמאַק האָט נישט אויסגעוועפט און זיין שען געשטאַלט איז נישט געמינערט געוואָרען. ער איז געבליבען גלייך אויסגעשטרעקט ווי געווען, דעם קאָפ—שטאָלץ דערהויבען געטראָגען ווי זיין שטייגער. איז אויפגעלעגט, פרעהליך, דער געדאַנק איז קלאָר, און זיין מויל ווי זיין פען שיט שטענדיג פעריל. די וועניגע פריינד זיינע, וואָס זענען צו איהם נאָהנט געשטאַנען און פלעגען איהם בעזוכען ביי איהם אינדערהיים שבת און יום·טוב—האָבען זיך אויך איצט גאָרנישט געקאָנט אָנזעטען פון הערען מענדעלים שאַרפע שמועסען וואָס זענען געווען געפראַוועט מיט דברי תורה און חכמה. מענדעלים שמועסן אום שבת-דאָס איז געווען אַנ׳אמת׳ער תענוג. נישט געווען קיין זאַך אין פאָליטישען לעבען, אין יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען און אין דער ליטעראַטור פון אונזערע ביידע שפראַכען, וואָס זאָל פערהוילען ווערען פון זיין שאַרף אויג און וואָס זאָל אַנטרונען ווערען פון זיין קריטיק און פון זיין מיינונג צום גוטען אָדער שלעכטען. זיין קאָפ און האַרץ—זענען אויך איצט געווען אַ נעסט פול מיט געדאַנקען, חלומות, דמיונות און ברייטע פלענער פון אַרבעט אין דער צוקונפט, גלייך ווי די אַכציג יאָהר זענען נישט געווען הינטער איהם נאָר—פאַר איהם. און אַז ער פלעגט אַמאָל פאַר זיינע נאָהנטע ענטוויקלען זיינע פלענער אין דער צוקונפט זיינער, האָט זיך געטראָפען אַז איינער אויפ׳ן אַנדערן האָט געקוקט מיט איבערראַשונג: צי טאַקע אויף אַנ׳אמת און מיט׳ן גאַנצען האַרצען חלומ׳ט דאָס דער גרויער יידע חלומות אָדער ער וויל איבערשפיצען דעם שר של זקנה!

און בעת׳ן פייערן די „קליינע יובילעאומס", וואָס מיר האָבען געפּראַוועט אַלע יאָהר אין זיין געבורטסטאָג—נאָך דעם גרויסען יובילעאום—האָבען מיר איהם צוריק געזעהן מיט זיין גרויסער בעגייסטערונג און שטאַרקער פרייד, וואָס האָט איהם בעהערשט אין די דאָזיגע מאָמענטען און איהם בעשיינט מיט אַ נייער ליכט. אויסגעפּוצט אין זיינע מלבושים און אויסגע־שטרעקט אין זיין גאַנצער הויך—האָט ער אינגאַנצען געשיינט, געווען רירעוודיג און געיופּעלט און איז געווען ליב און אַנ־גענעם, איז געשטאַנען אָדער אַרומשפּאַצירט צווישען זיינע פיל איינקלעך און פערעהרער, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט מיט ליבשאַפט, און האָט אויסגעזעהן ווי אַ לייב אין דער חבורה און אויך ווי דער יונגסטער אין חברה. זיינע בעוועגונגען זענען געווען לייכטע, זיינע געשפּרעכען שאַרפזיניגע און זיין גייסט—ווי אַ פליסיגער טייך. ער האָט געהערט און געענטפערט, גע־שפּאַסט און געפלאַפּעלט, געוויזען אַ שיינענדיג פּנים יעדען גאַסט, וואָס איז איהם געקומען ווינשען און געזאָגט קאָמפּלי־מענטען און אָ גענעהמע ווערטלעך דעם „מין היפה", האָט זיך געפּיעסטעט פּאַר זיי ווי אַ „בן יחיד" און יעדען געענטפערט אויף די וואונשען.

און אַז איינער פון די געסט האָט ביי אַ גלעזעל איהם צוגעוואונשען מיט דעם אָנגענומענעם וואונש:

—לחיים, זיידעשי, איהר זאָלט דערלעבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר...

האָט דער זיידע איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ האַנד-בע־וועגונג און דורך אַ לייכטער שפּאַסיגער תּרעומת אין וועלכער ס׳איז געווען אויך אַ סך ערנסט:

—סך הכל? אי! די צאָהל יאָהרען איז דאָך דער רבונו של עולם מיר מחויב צו געבען. דאָס קומט מיר דאָך. איך האָב דאָך אויף דעם אַ וועקסעל. אפילו קיין איין רגע וועל איך נישט נאָכלאָזען. און וועגען ווייטער—וועל איך מיך דינגען מיט איהם. ער וועט מיר צוליב טהון. איך בין בטוח אין דעם!

און מיר האָבען געזעהן בעשיינפּערלעך, אַז דאָס איז





נישט גלאַט גערעדט. ער איז טאַקע געווען בטוח און אויך מיר זענען געווען זיכער אין דעם. צי אַזאַ מענש ווי ער וועט אַלט ווערען?

אין ווינטער האָט אפילו געטראָפען אַז ער איז געווען אַ ביסעל פערוויאַנעט און זיין גייסט איז געשלאָגען. אָבער זומער, ווען ער האָט דערשמעקט דעם ריח פון פעלד, האָט ער צוריק געבליהט און געוואָרען שטאַרק און פריש ווי געווען. גאַנצע שעה׳ן פלעגט ער אַרומשפּאַצירען אויף די דאַטשע-פעלדער וואָס ליגען ביים ים, וואו ער פלעגט זיצען אויף זומער-וואוינונג. פלעגט שפּאַצירען אַנ׳אויסגעשטרעקטער מיט אַנ׳אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַ שיינענדיגער און ווי אַ נשיא האָט ער אויסגעזעהן, און אין האַנד—זיין דיקער שטעקען—זיין שטענדיגער בעגלייטער. אויב דו ביזט אַ פרעמדער דעם זיידען—רוק זשע זיך אָפּ פון איהם אין דעם מאָמענט און שטער איהם נישט. אָבער אויב דו ביזט איהם אַ נאָהנטער און אַ היימישער—געה צו צו זיין רעכ־טער זייט—ווי ער האָט ליב געהאַט,—זיין לינק אויער דערהערט נישט אַ ביסעל—און געה מיט איהם. די דאָזיגע שעה איז ביי איהם אַ שעת רצון און רחמים, אַ מאָמענט ווען עס רוהט אויף איהם דער רוח הקודש. זיין האַרץ איז—ווי דאָס האַרץ פון אַ יונג, נאַאיוו, אָרענטליך, גוט קינד. זיין האַרץ איז איצט אָפען אויף אַלע פיער זייטען, ווי דאָס הויז פון אברהם אבינו—און אין גאַנצען איז ער איצט די מדה פון חסד. דעם זיידענס מויל רעדט ווי פון זיך אַליין און זיין געשפּרעך שטראָמט ווייך, תּמימות׳דיג און שטיל, זי איז אינגאַנצען גייסטיג ריין און נשמה-ליכטיג. און וועגען וואָס רעדט נישט דער זיידע אין די שעה׳ן? וועגען בוימער און זאַנגען, וועגען פייגעל, פליגען און היישעריקען. וועגען זיין יוגענד און וועגען די וואונדערליכע פּאַסירונגען אין זיין לעבען. וועגען פערשידענע שלעק און צרות, וועגען דאָרף און וועגען שטאָדט, וועגען ליטאָ און וואָלין, וועגען פאַרצייטיגע און וועגען איצטיגע—אַלע זענען איהם שוין לאַנג בעקאַנט און אַלע זענען לעבעדיגע קוואַלען פאַר זיינע געשפּרעכען, און דאָס, וואָס ער דערציילט, ז...

קלאָר און פשוט און מיט אַ לעבעדיגען זאַפט און מיט ערפאַהרונג און חכמה. פלוצלונג אין אַ שאַרף ווערטעל אָדער אַ וואונדערליכע פערגלייך אָדער אַ פלאַסטישע בעוועגונג, דאָס געשפּרעך בעקומט אַ ממש, מיט דער האַנד אָנצונעמען און דו, וואָס געהסט ביי זיין זייט, לאָז נישט דורך קיין איין וואָרט. הער זיך גוט איין צו יעדען וואָרט.

אין דער דאָזיגער צייט האָט זיך דער אַלטער גענומען פערריכטען זיינע „חטאת נעורים". ער האָט זיך נאָך אַמאָל גענומען צו אַ סך פון זיינע ערשטע זאַכען זיי צו פערריכטען און איבערקוקען. אַזוי האָט ער בעניית דאָס געשטאַלט פון „האבות והבנים", איבערגעאַרבייט פון אָנהויב ביז׳ן סוף*) און אַזוי האָט ער געהאַט בדעה צו בעאַרבייטען זיינע איבעריגע מאמרים און זאַכען וואָס זענען צעזייהט און צעשפּרייט אין צייטשריפטען און פערשידענע ביכער און זענען ביז היינט נישט אַריין אין איין באַנד אין דער אויסגאַבע פון אַלע זיינע שריפטען. ער האָט נאָך אין זינען געהאַט איבערצואַרבייטען זיין גרויס ספר „תולדות הטבע" און מאַכען פון דעם אַ ניי בעשעפעניש. מיט דער אויפגאַבע האָט ער זיך שטאַרק אַרומגעטראָגען און שוין געהאַט צוגעטרעטען צו דעם און אויפסניי, אין אַ נייער פאָרם און נייעם סטיל אויפגעשריבען די „מבוא" צו דעם בוך. געשריבען לויט משנה שפּראַך, אין אַ וואונדערליכען קאָנצענטרירטען און מסביר׳דיגען סטיל, וואָס וועט אָהן ספק בלייבען פאַר אַ מוסטער פאַר די אַלע, וואָס וועלען קומען נאָך איהם צו שרייבען אויף העברעאיש וויסענשאַפט פאַר׳ן פאָלק. דרך אגב, האָט ער זיך נישט געברעקעלט אויך מיט קלענערע זאַכען און אַ געוויסע צייט האָט ער מיטגעאַרבייט ביים איבערזעצען די „ספורי המקרא" אויף יודיש**) און אַזוי זענען פאַרביי

*) דער דאָזיגער ניי בעאַרבייטער ספור איז געדרוקט אין זיינע „כל כתבי" ארויסגעגעבען פון ועד היובל כרך ג׳ הכ״ל

**) „פונ׳ם חומש" דורך בא״ר (ראשי תיבות: ביאליק, אבראַמאָוויטש, ראַוו־ניצקי) פערלאַג „מוריה" אָדעס תרע״ג.





די ערשטע יאָהרען נאָכ׳ן יובילעאום. געראַנגעלט האָט זיך דער זקן מיטן שר של זקנה און בעשיינפערלעך האָט מען געזעהן, אַז ער איז איהם בייגעקומען.

---

## ג׳

אָבער אויך אַזאַ שטאַרקער גייסט ווי דעם זיידענס, איז נישט אויף אייביג. די זקנה האָט איהרס געטהון. נאָך די „גבורות"-טעג מיט פערשטאַרקטע כחות, זענען געקומען די איבעריגע טעג „הימים אשר אין בהם חפץ". געשען איז עס אום ווינטער, אויפ׳ן אַכציגסטען לעבענס-יאָהר לויט דעם אָנגענומענעם חשבון פון זיינע יאָהרען*). דעם פריהערדיגען זומער האָט ער באונס נישט געוואוינט אויף קיין דאַטשע און האָט קיין פעלד נישט געזעהן און דאָס האָט איהם דערשלאָגען און נישט וועניג פערביטערט דאָס לעבען. אַז עס איז אָנגעקומען דער ווינטער איז ער אַ סך מעהר פערוויאַנעט געוואָרען און איז מסוגל געוואָרען קראַנק צו ווערען פון אַ ליאַדע ווינטל. און אין איינעם פון די ווינטער-טעג האָט ער זיך פערקיהלט און קראַנק געוואָרען. אַ טייל פון זיינע פריינד, וואָס זענען געקומען צולויפען איהם מבקר חולה זיין, האָבען איהם געטראָפען ליגען אין בעט צוגעדעקט מיט קאָלדרעס און פאַלטאָס, אויפ׳ן קאָפּ—די יאַרמולקע. און ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ קראַנק קינד, וואָס ליגט אָהן כחות. די גאַנצע צייט האָט ער כסדר געפּישטשעט מיט זעהר אַ שוואַך קול, ממש ווי אַ קראַנק קינד, דאָס איינציגע וואָרט.

*) לויט פערשידענע בעגלייבטע עדות (צווישען זיי דער אַלטער שרייבער, מענדעליס בן עיר א״י פאַפּירנע) און אויך ווי דער זיידע אַליין האָט אויף זיין יובילעאום איבערגעגעבען דעם שרייבער פון די שורות, איז ער באמת עלטער געווען מיט זיבען אָדער אַכט יאָהר.

—מאַמע! אוי מאַמע!

זיינע בעזוכער זענען געזעסען און געשוויגען ווי דער דאָקטאָר האָט זיי בעפוילען. אויך דער זיידע האָט געשוויגען נישט האָבענדיג קיין כח. נאָך עטליכע טעג, אַז זיין קראַנקהייט האָט איהם אַ ביסעל נאָכגעלאָזט, האָט ער געזאָגט צו די וואָס האָבען איהם געפרעגט וואָס ער מאַכט:

—דער רבונו של עולם וועט נישט פערלאָזען זיין מענדעלין. ער וועט מיר מאַכען געזונד און פריש און איך וועל לעבען. בשעת איך בין געווען שטאַרק קראַנק, האָט ער זיך בכבודו ובעצמו בעוויזען צו מיר און איך האָב זיך מיט איהם דורכגעשמועסט פון דער נאָענטענס—אָהן אַ מחיצה, ווי עס רעדט אַ קינד פאַר'ן טאַטען. כ'האָב פאַר איהם אויסגעגאָסען דאָס גאַנצע האַרץ מיינס, און איך ווייס, אַז ער וועט מיר צוליב טהון. איך בין בטוח אַז ער וועט מיך נישט פערלאָזען. ווארום ער ווייסט דאָך, וואָס עס טהוט זיך ביי מיר אין האַרצען.

און ווידעראַמאָל האָט ער געזאָגט:

—די קראַנקהייט פון דער נשמה איז אַ סך ערגער פון דער קראַנקהייט פון גוף. די ערשטע איז דער „אָב" און די אַנדערע איז אַ תולדה. קיין אבר אין גוף ווערט נישט פריהער קראַנק איידער עס ווערט קראַנק אַזאַ מין אָרט אין דער נשמה. ווערט נאָר געהיילט די נשמה—ווערט דער גוף אויך באַלד אויסגעהיילט.

און נאָך האָט ער געזאָגט:

—אַלע אַפטייקען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זענען ערט אַנטקעגען מיין איינציג קליין אַפטייקעל וואָס איך האָב ביי מיר אין שטוב אויף מיין טיש. דאָס אַפטייקעל פערמאָגט רפואות צו אַלע ווייטאָגען און מענשליכע פלאָגען. איהר ווייסט נישט וואָס דאָס איז? דאָס תהילים'ל! דאָס קליינע ספר'ל פון דוד המלך! אין דעם קליינעם אַפטייקעל בין איך אַריין—און בין אַרויס געזונד און פריש. ווי גרויס עס איז דער כח פון דעם דאָזיגען קליינעם אַפטייקעל!





האָט מען איהם דערמאָנט זיין געבורטסטאָג, וואָס דאַרף זיין אין גיכען, זיין אַכציקסטער געבורטסטאָג. איינער האָט דערביי צוגעווינשען און געזאָגט, אַז מיר וועלען אַוודאי זוכה זיין איהם צו זעהן אין דעם טאָג זיצען ביים טיש געזונד און פריש צווישען זיינע פריינד און אייניקלעך, ווי זיין שטייגער איז. דעם אַלטענס פנים איז שטאַרק שיינענדיג געוואָרען און צושאָקלענדיג מיטן קאָפּ צופרידען האָט ער געענטפערט מיטן גאַנצען כח.

—אמן אמן. גאָט זאָל העלפען, ער וועט געוויס העלפען. פעסעניו—(אַזוי האָט געהייסען די באָבע) גרייט צו אַ גרויסע סעודה!

און גאָט האָט געהאָלפען. אַ קורצע צייט פאַר זיין געבורטסטאָג איז מענדעלי אויפגעשטאַנען פון בעט. די נאַכט פון זיין געבורטסטאָג איז דאָס מאָל געפייערט געוואָרען מיט גרויס פרייד. ס'האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אַלע „אייניקלעך" און צווישען זיי אויך פנים חדשות'ן: שריפטשטעלער מלחמה-היימלאָזע-פרישמאַן, ספעקטאָר און אַנדערע. אויך דער ד"ר ביכאָווסקי, וואָס האָט געדינט אַלס מיליטער-דאָקטאָר איז גראָד געווען. געקומען איז ער צוליב פאַראַד אין זיינע מיליטער-קליידער מיט דער שווערד ביי דער זייט. די שמחה אין זיידענס הויז איז געווען גרויס. ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט? ווען נישט דאָס וואָס עס איז אַ שעת חירום, וואָלט מען דאָך דעם טאָג געפייערט בכל תפוצות ישראל. אויך די איינאָרדנונג אין זיידענס וואוינונג איז געווען גאָר אַ געהויבענע: די גרויסע בעל-חשבונטע, די באָבע, האָט די נאַכט געעפענט אַלע אירע בופעטן און אויסגעשטעלט פאַר די געסט אַ טיש מיט מעדנים—פון די וועלכע די געסט האָבען געבראַכט אַ מתנה פאַר דעם יובילאַר. אויך צוויי קוגלען האָט מען געבראַכט! און ווער?—פערשטעהט זיך, אַז ספעקטאָר! גאַנצע צוויי קוגלען! דער סיורפּריז האָט געמאַכט אַ רושם און די געסט זענען גאָר אויפגעלייגט געוואָרען. מען האָט געגעסען, געטרונקען און דער עיקר—מען האָט געהאַלטען ווינשונגס-רעדעס. יעדער איינער האָט מיט אַ ברייטער

טער האַנט צוגעגעבן דעם זיידען יאָהרען. דער זיידע האָט, פערשטענדליך, צוגענומען די ברכות און די יאָהרען מיט גרויס פערגעניגען און מיט אַ שיינענדיג פנים. אָבער זיין גייסטיגע שטאַרקייט און לייכטקייט האָט איהם פערלאָזט די נאַכט. אויך זיין פרייד איז עפּעס נישט גאַנץ געווען. אדרבה, ס׳האָבען זיך אָנגעזועהן אין איהם סמנים פון מידקייט, גרויסע גייסטיגע גע־בראָכענקייט און אַלע זיינע אָנשטרענגונגען דאָס צו פערדעקען זענען איהם נישט געלונגען. זיין ענטפער־רעדע איז געווען צו לאַנג און זיינע רייד האָבען זיך שוין נישט געקלעפּט. אין מיטען רעדען האָט ער זיך גאָר פערפּלאָנטערט אין עפּעס אַ משל וועגען דער אָבנאַרעריי פון לבן הארמי, וואָס כידוע, האָט ער ביינאַכט אַריינגעפיהרט צו יעקב אבינו אַ מיאוסע בוגרת מיט טריפענדיגע אויגען אָנשטאָט אַ יונג מיידל מיט קלאָרע שיינע אויגען. דעם „נמשל״ האָבען אַ טייל פון די געסט פון די „יודעי חן״ שוין אַליין פערשטאַנען. אַ כל שכן דער „נמשל״ אַליין וועמען דער זיידע האָט געמיינט, דאָס איז געווען אַן אָנגעזועהענער שריפטשטעלער, איינער פון די געסט, וואָס איז שטאַרק בעליידיקט געוואָרען פון אַלטענס רייד. אָבער די אי־בעריגע געסט האָבען גאָרנישט פערשטאַנען פון דעם „רמז״ און זיי האָבען פשוט געהערט און הנאה געהאַט פון „פשט״. דער אינצידענט האָט זיך אַפילו פערענדיגט בשלום און דער „משל׳ער״ מיטן „נמשל׳ער״ האָבען זיך הערצליך צעקושט. אָבער אַ שווע־רער איינדרוק איז געבליבען. די שטימונג פון די געסט איז געוואָרען אַ שטאַרק געדריקטע, אַ סך האָבען זיך אַרויסגעכאַפּט און זענען פון שטוב אַוועק.—„צי טאַקע האָט זיך די שקיעה שוין אָנגעהויבען״.—האָט דאָס האַרץ געפרעגט מיט ציטערניש.

---





## ג.

די שקיעה האָט זיך טאַקע אָנגעהויבען. מענדעלע איז אויפגעשטאַנען פון קראַנקען בעט אָבער זיין פריהערדיקע שטאַרקייט האָט צו איהם נישט צוריקגעקעהרט. אויך זיין שטאָל־צער אויסדרוק און זיין מוט האָט איהם געפעלט. די זקנה האָט מנצח געווען און מענדעלע האָט זיך כמעט אונטערגעגעבען. מיד געוואָרען איז דער אַלטער פון ראַנגלען זיך מיט דער אַלטקייט—און אָנגעהויבען וויאַנען. נישט מיט אַמאָל איז עס געשעהן נאָר ביסלעכווייז. אָבער געוויאַנעט האָט שוין דער זקן און האָט שוין מעהר נישט געבליהט. אין פלוג, איז עס דער זעלבער מענדעלע—אָבער ס׳איז פאָרט נישט ער. נאָר דאָס אויג פון פרעמדען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידען פון פריהער־דיקען ביז דעם איצטינען מענדעלע. דער אונטערשיד איז אָבער גרויס געווען. נישט ווייניגער ווי ס׳איז אַן אונטערשיד פון אַ פייג וואָס וואַקסט אויפן בוים ביז אַ דאַרע פייג, אָדער פון אַן אתרוג אים יום טוב און אַן אתרוג פון נאָך יום טוב. ס׳האָט איהם געפעלט די שאַרפקייט און דאָס חריפות. ס׳האָט שוין נישט געטראָפען ביי איהם די גייסטיגע אויפשטורמען און דאָס האַרץ האָט שוין נישט אויפגעקאָכט. אַ רוהיגקייט אין זיין בלוט און אַ שטילקייט אין זיין נשמה. פון אַלע זיינע באַזונדערע אייגענשאַפטען זענען איהם נאָך געבליבען זיין קלאָרער זיל־בערנער קאָפּ און די וואונדערליכע ריינקייט פון זיין לייב, און דיביידע האָבען געמאַכט אַ רושם פון גאָר אַ באַזונדער זקנה בטהרה. אָבער די שטאָלצקייט פון זיין שיינער פיגור איז אַוועקגעקומען. דער אַלטער איז איינגעשרימפּען און קלענער געוואָרען. און אַז איך בין צו איהם געקומען איינמאָל אין אַ שבת מיט מיינס אַ חבר, האָט מיר מיין חבר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם:

—דו האָסט בעמערקט ווי מענדעלע זעהט אויס? ער איז עפּעס נידעריגער געוואָרען!

אמת טאַקע, מענדעלע איז נידעריגער געוואָרען. זיין אויסזעהן איז עפּעס ווי פּלוצלונג געמינערט געוואָרען אין זיין הויך—נידעריגער. זיין גלייכע לייכטע פיגור האָט אויך איצט זיך נישט געבויגען אָבער זי האָט אויסגעזעהן נידעריגער ווי אונטערגעהאַקט אַ ביסעל. זיינע געשפּרעכען זענען שוין אויך נישט געווען שטאַרק אָנגענעם און אַמאָל אויך שווער געווען. ס׳האָט געפעלט דער טעם פון זיינע שמועסען. זיי זענען עפּעס געוואָרען טרוקען און פערלוירען די פייכטקייט. ס׳איז נישטאָ קיין קראַפט אין זיי. די ווערטער פאַלען פון זיך אַליין ווי צייטיגע פּרוכטען פון זיינע לעפצען און ס׳קומט נישט פון גייסטיגע דערוועקונג. דער גייסט רוהט און שוויגט. אויך איצט רעדט ער אַ סך און וועגען אַלץ, אָבער ער רעדט נאָך מיטן כח פון הרגל, ווי אָהן אַ חשק. די אויגען צינדען זיך נישט אָן דערביי און אין איהם פלאַמט עס נישט אויף. זיין געלעכטערעל, אָט דאָס ספּעציפישע מענדעלע־געלעכטערעל, אַמאָל אַזוי קינדיש און אַמאָל מעפיסטאָפעליש, האָט אויפגעהערט צו צאַפּלען און קייקלען זיך פון זיין האַלז אַרויס. זיינע תנועות זענען שוואַך און שווער און די שטריכען פון זיין פּנים, וואָס לעבט און צאַפּעלט זיך שטענדיג, זענען ווי פערגליווערט געוואָרען. אויך די גרויסע געשעהענישען האָבען איהם נישט אויפגערודערט און נישט געבראַכט צו עקסטאַז. זיינע לאַנגע שפּאַצירען—די דאָזיגע שפּאַצירען וועלכע ער האָט שטענדיג אַזוי ליעב געהאַט און זענען ביי איהם געווען דער העכסטער תענוג—אויך זיי זענען ווייניגער געוואָרען. און אויב עס האָט געטראָפען און ס׳האָט איהם פּלוצלונג שטאַרק פערגלוסט און ער איז אַוועק אויפן שפּאַציר—איז ער אין גיכען צוריקגעקומען מיד און שטאַרק פערמאַטערט. עס פלעגט אויך אויף איהם אָנפאַלען די שכחה—די טאָכטער פון זקנה—פלעגט איהם פערפּלאָנטערען און אויף איין ווײלע איבערייסען איהם דעם געדאַנקען פאָדעם אין מיטען געשפּרעך. אויך ווען ער איז געווען געזונד און פריש איז זיין געשפּרעך נישט געגאַנגען גלייך און „דרך המלך“, נאָר דורך קרומע שטעגלעך און אונטערוועגלעך, מיט איבער־





שפּרונגען און איבערהיפּערען מענין לענין און פון משל צו משל, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט פערפּלאָנטערט אין אייגענעם לאַבירינט. זיין שטאַרקער זכרון און זיין פּקחות האָבען איהם שטענדיג צוגעהאָלפען און ער פלעגט אַרויסקומען בשלום פון גרעסטען פּלאָנטער. אָבער נישט אַזוי איז איצט. איצט פלעגט טרעפען אַז אין מיטען געשפּרעך איז ער פּלוצלונג צעטומעלט געוואָרען און שטעהן געבליבען. ס׳איז פערלייגט געוואָרען עפּעס אַ רעהרל אין זיין מח! דעמעלסט פלעגט דער זקן אַוועקלייגען דעם פינגער אויף זיין שטערען, וואָס האָט זיך געקנייטשט און געזאָגט מיט זיין לשון:

—די קריעה געהט.

האָט עס געזאָגט און באַלד פערטייטשט אויף זיין שטייגער:

—איהר האָט געזעהן ווי די קריעה געהט אויפן טייך? אַ סך שטיקער אייז, גרויסע און קליינע שטיקער—אָהן אַ שיעור שטיקער אייז שווימען און לויפען. שווימען און לויפען ביז זיי שלאָגען זיך צוזאַמען ביי אַ שמאָלען דורכגאַנג און פערשטאָפּען דאָס אָרט. אַזוי—לאָזט אויס דער זקן—שווימען מיינע געדאַנקען און זכרונות איצט. זיי קומען צו מיר פון ווייטען מיט גרויס שפע, קומען אין אַ גרויסער מחנה, איינער שטופּט דעם אַנדערען—און פערשטאָפּען דעם דורכגאַנג!

אַזוי זאָגט דער זקן און זיין שטערען קנייטשט זיך נאָך מעהר איין, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט אָנצוכאַפּען דעם פאָדים פון זיינע געדאַנקען. דער וואָס הערט דעם שיינעם משל שמייכעלט, אָבער אויך דער שיינער משל קען נישט אַרויסשלאָגען פון האַרץ דעם טרויריגען חשד וואָס זאָגט:

ער איז אַלט, אַלט געוואָרען ר׳ מענדעלע...

---

## ד.

פֿון דער צייט אָן האָט דער זיידע זיך שוין כּמעט נישט פֿערנומען מיט ליטעראַרישע אַרבעט, אַ כּל שכּן מיט שאַפֿונגס־אַרבעט. ער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען און האָט שוין נישט געקענט קאָנצענטרירען זיינע געדאַנקען. אויך די פֿעלדער און דער ברעג פֿון ים מיט וועלכע ער האָט פֿערבראַכט דעם גאַנ־צען קומענדיגען זומער און וואָס האָבען זיין גוף אַ ביסעל גע־שטאַרקט, האָבען איהם נישט צוריקגעקערט זיין גייסט. די עט־ליכע טראָפּען לחלוחות, וואָס זענען נאָך געבליבען אין זיין קוואַל—האָבען אַרויסגעשפּראָצט פֿון איצט אָן אין זיינע גע־שפּרעכען און אין זיינע חלומות. מענדעלעס קלאָרע חלומות זענען שטענדיג געווען וואונדערליכע, און דאָס איז אַ בעזונדער פּאָעטיש קאַפּיטעל. על פּי רוב פּלעגען זיי צו איהם קומען אין די צייטען פֿון הפסקה, דורך פֿוילקייט. אַז ער האָט לאַנג זיך נישט פֿערנומען מיט ליטעראַרישער אַרבעט, און ביים זיידען זענען די חלומות געווען ווי סמנים פֿון „עבור״ און „הריון״ פֿאַר אַ נייעם „געבורט״. איצט ווען עס זענען פֿאַר איהם גע־קומען טעג פֿון לאַנגער און געגעצליכער רוה, האָבען זיך די חלומות זיינע געשטאַרקט און דורך זיי האָט ער אויסגענוצט דאָס לעצטע ביסעל גייסט. מיט זייער שטאַרקער קלאָרקייט און מיטן אַרומרעדען זיי מיט אַלע פּיטשעווקעס, האָבען זיי אַמאָל אויסגעזעהן ווי זעהונגען אויף דער וואַך און זיי האָבען זיך איינגעקריצט אין זכרון פֿון צוהערער אויף לאַנגע צייטען. נאָך היינט שטעהט מיר פֿאַר די אויגען דאָס וואונדערליכע בילד פֿון זון־פֿערגאַנג פֿון ערשטען ערב־שבת, פֿון וועלט־בעשאַפֿונג, אין גן־עדן, וואָס דער זיין האָט געזעהן אין חלום ביינאַכט און צומאָרגענס האָט ער עס דערציילט מיט אַלע פּרטים און קניי־טשעלעך און מיט זיין קלאָרער ליכט און באַזונדערער לופֿט, וואָס טרעפֿט אין חלום. און אַז ער פּלעגט אַמאָל דערצעהלען פֿון זיינע זכרונות, פּלעגט ער זיי אויך מאָל בעשיינען מיטן





צייסט פֿון חלום און ער האָט אונז אויסגעזען ווי ער וואָלט געחלומט אויף דער וואַך.

אויך ביי זיינע איבעריגע געשפּרעכען, האָט געטראָפֿען אַז צייטענווייז האָט אַרויסגעשפּראָצט מענדעלע־טראָפּענס: אַ שיין ווערטעל, אַ קלוגע המצאה, אַ משונהדיגער געדאַנקען־שפּרונג, אַ פּרעכטיק בילד—אָבער די דאָזיגע, ווי געזאָגט, זענען געקו־מען טראָפּענסווייז, און פֿון לעצטען תּמצות. פֿון זיין פֿולען זו־דיגען בעכער האָט שוין קיינער נישט געטרונקען, ער איז שוין געווען אַרויסגעפֿאַלען פֿון זיין ציטערדיגער האַנט, און די וואָס האָבען צו דעם בעכער געדורשט זענען געבליבען דורשטיג. די לעצטע איינזאַמע שטראַהלען פֿון זיין גייסטיגער זון, וואָס איז פֿערגאַנגען, האָבען זיך דורכגעריסען דורך די ענגע שפּאַל־טען פֿון זקנה־נעפּעל מיט גרויס מאַטערניש, און אַז זיי האָבען צו אונז דערגרייכט, זענען זיי שוין געווען שוואַך, אָבגעקיהלט, און ס׳האָט געטראָפֿען אַז זיין גאַנצער שמועס איז איצט געקומען ווי אַ חלום מיט אַ סך רייד און רעדעכץ. נישט אונטערשיידענ־דיג צווישען מעגליכעס און אוממעגליכעס. דער טיפֿער זקן האָט זיך נאָך פֿאָרגעזעהן אַ צוקונפֿט פֿון אַ שטאַרקער פֿערשי־דענאַרטיגער און מיה־זאַמער ליטעראַרישער אַרבעט, האָט זיך פֿאָרגעשטעלט די אַרבעט און אַ קרייז פֿון תּלמידי חכמים און חברים, וואָס הערען זיך צו צו זיינע רייד, און אַלע וועלען וואוי־נען אין אַ באַזונדער אונטערשטאָטישער קאָלאָניע, עפּעס אַ מין „יבנה״ אָדער „לשכּת הגזית״, וואָס דאַרף אויסגעבויט ווערען דורך איהם, לויט אַ ספּעציעלען פּלאַן, ספּעציעל צוליב דעם צוועק, אויף איינעם פֿון די בערג אונטער אָדעס אָדער אפשר אויך—אין אַ קאָלאָניע אין ארץ־ישראל. אַהין, אין גרויסן בית המדרש פֿון מענדעלען, וועלען זיך ווידער צענויפֿקומען, פֿון זייערע ערטער, אַלע זיינע „חסידים״ זיינע גוטע פֿריינט, חברים און תּלמידים: אחד העם, דובנאָוו, בן עמי און אַנדערע, און אַז זיי וועלען וואוינען צוזאַמען וועלען צוריקקומען די אַמאָלי־גע גוטע יאָהרען, און ס׳וועט נאָך בעסער זיין ווי אַמאָל: פֿון זיי וועט אַרויסגעהן תּורה, חכמה און הוראה פֿאַר כּל תּפוצות

ישראל... דער דאָזיגער משונהדיגער חלום, וואָס האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען וועבען אין די דאָזיגע טעג, האָט זיך פערזעצט ווי אַ טשוואָק אין זיין מח און איז ביי איהם געוואָרען ביסלעכווייז אַן אידעע־פיקס. דער אַלטער האָט זיך אין דעם חלום אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, מיטן לעצטען כח הדמיון זיינעם, און זיך געהאַלטען אָן איהם ביז דעם לעצטען טאָג זיינעם. קיין שום לאָגישע רייד האָבען אויף איהם נישט געווירקט, און דעריבער, אַז ס׳איז געקומען צו איהם אין די טעג, טעג פון גענצליכער שוואַכקייט און בין השמשות פאַר זיין גייסט, עפּעס אַ מין בעשעפעניש מיט אַן „עצה טובה" אויסצובויען פאַרן זיידען אַן „אייגען ווינקעלע" און מאַכען צוליב דעם אַ געלד־זאַמלונג—האָט דער בירוש דאָס געפּועלט ביי איהם. אָבער די אמתע פריינט און פערעהרער פון זיידען, די וואָס האָבען טאַקע מיט אַן אמת געציטערט פאַר זיין נאָמען און עהרע, האָבען אויסגעהערט דעם דאָזיגען חלום—און האָבען שווער געשוויגען. אָבצונאַרען און איינרעדען דעם זיידען האָבען זיי נישט געוואַגט, אָבער אויך צו צושטערען זיין לעצטען חלום האָבען זיי נישט געקענט—וואָרום דערפאַר איז ער דאָך דער לעצטער.

---

## ה.

אין די טעג האָט מענדעלע אָנגעהויבען זוכען דערנענטערונג צו גאָט. צו רעליגיעזעס איז זיין האַרץ שטענדיג געניגט געווען און דער יודישער גאָט, דער גאָט פון משהן און די נביאים און די תפלות און אגדות—איז שטענדיג געווען דער גאָט פון זיין לעבען און גייסט, אָבער איצט איז ער גאָר פרום געוואָרען און אַרונטערגעבויגען זיין גראָען קאָפּ אונטער גאָטס פליגעל. ער האָט כסדר דערמאָנט גאָטס נאָמען און די ספרי הקודש איז ביי איהם געוואָרען דאָס וויכטיגסטע און ער האָט





זיך כסדר אַריינגעטראַכט און אַריינגעטיפט אין זיי. און ס׳האָט געטראָפען, אַז ער איז אויך געוואָרען אַ זריז און אָבגעהיטען די מצות, און צומערסט—די מצות פון שבת און יום־טוב. די פערענדערונג, ווי עס זעהט אויס, איז געקומען פון עפּעס אַן החלטה אין האַרץ אין די טעג פון זיין קראַנקהייט. עפּעס אַ מין הרהור תשובה, און אפשר אויף דעם האָט ער מרמז געווען אין זיינע רייד, וואָס איך האָב אויבען דערמאָנט, וועגען זיין געשפּרעך מיט גאָט. ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר די דאָזיגע פערענדערונג האָט זיך אין איהם אַרויסגעוויזן פון די טעג אָן און ווייטער, און דערנאָך—האָט זיך די רעליגיעזע נטיה געשטאַרקט אין איהם. ער האָט אָנגעהויבען דאַווענען, זיך וואַשען און בענטשען. און ס׳האָט געטראָפען, אַז מען האָט איהם געפונען אין דערפריה זיצען אויף דער שטוהל, די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און דער סדור אין האַנט און זיינע לעפצען דאַווענען שטיל.

נאָר וועגען איין זאַך האָט זיך דער זיידע געהיטען אַ סך צו רעדען אין זיינע לעצטע יאָהרען—וועגען טויט. אַז דער דאָזיקער קיצעלדיקער ענין איז צו איהם אַריינגעפאַלען האָט ער איהם אָבגעפּטרט מיט צוויי דריי ווערטער און גלייך אַריבער צו אַן אַנדער ענין. ער האָט נישט געוואָלט לאַנג פערזוימען מיט איהם אונטער איין מחיצה. אַזוי האָט ער בקצור אָבגעפּטרט די ידיעה וועגען פרצעס טויט און אַזוי—אַפילו אויף שלום עליכמס טויט. ווי עס זעהט אויס, איז דאָס אויך געווען איינע פון זיינע ערמות קעגען דער זקנה. פון אַ לויה, וואָס איז געווען אַ חוב—ווי אַ שטייגער אַז עס איז געשטאָרבען איינער פון דער חבורה—האָט ער זיך פונדעסטוועגען נישט משמט געווען, אָבער אויך דאַן האָט ער אַ ביסעל ערמה בענוצט. געגאַנגען איז ער צווישען די מלוים אַן אויסגעשטרעקטער, אַ גלייכער און אַ שטאָלצער און האָט אויסגעזעהן זעהר רוהיג. ער טוט נאָר זיין פליכט נישט מעהר. קיין שום אַנדער שייכות צו דעם ענין האָט ער נישט. אַזוי האָט ער מלוה געווען ליליענבלומען, און אַזוי אויך לעווינסקין עליהם השלום און אַזוי אַנדערע. וואָרום

באמת, סתם מענשען זענען זיך נוהג צו שטאַרבען צווישען זעכציג און זיבעציג. און אויב איינער איז געשטאָרבען פון דער חבורה. פון די דאָזיגע וואָס שטאַרבען אין די יאָהרען־זאָרגט זיך די גאַנצע חבורה. אָבער די מענדעלעך, די מענשען בּן די ניין־און־אַכציגער—זיי זענען דאָך נישט אין כּלל פון דער גאַנצער חבורה. זיי זענען דאָך שוין לאַנג אַריבערגעשפּרונגען די שוועל און זענען שוין ממילא אַרויס פון אחריות. פונדעסטוועגען איז גלייכער וואָס וויניגער צו רעדען וועגען דעם ענין. אַרום און אַרום... אַזוי, אומגעפער איז געוועזן דער פשט פון מענדעלעס בעציהונג אין די לעצטע יאָהרען צו די אָפטע ידיעות וועגען טויט פון עטליכע מענשען, וואָס זענען איהם ליעב געוועזן. ער האָט אַ קורצען זיפץ אַרויסגעלאָזט—און מסיח דעת געוועזן. און נאָר אין דעם זומער נאָכדעם ווי ער איז אַלט געוואָרען אַכציג יאָהר האָב איך געהערט פון איהם אַ גאַנצען רעיון וועגען טויט. ס'איז געוועזן פאַרנאַכט אויף דער דאַטשע ביי איהם. דער זקן איז אַרויסגעגאַנגען צו בעלייטען אַ ביסעל אַ קליינע גרופּע פון זיינע געסט, וואָס זענען געקומען געוואָר ווערען וואָס ער מאַכט. צופיעל געהן איז איהם נאָך שווער געוועזן אָבער זיין געמיט איז געוועזן רוהיג, גוט און לייכט ווי דאָס געמיט פון דעם פאַרנאַכט מיט דעם זיסען נעפּעל און דעריבער איז אויך זיין געשפּרעך זיס געוועזן דעמעלסט און ער אַליין האָט זיך געלאָזט מיטגעהן, האָט זיך געשטאַרקט און זיך נישט געאיילט צוריקצוקעהרען. גערעדט האָט ער געלאַסען, כּמעט אינדערשטיל און מיט גאָר אַ גרויסער איבערצייגונג. צווישען אַנדערס האָט ער אויך אַרויסגעזאָגט אָט דעם געדאַנק:

—דער טויט איז באמת נישט מעהר ווי אַ נייע געבורט, אַ פערקעהרט געבורט. און ווען דער מענש געהט אַוועק פון דער וועלט—ווערט ער געבוירען אויף יענער וועלט. און געוויס איז דאָרט דאָ אַזעלכער, וואָס שטעהט אויף דער וואַך און האָפט מיט ציטערניש און פרייד אויף דער רגע וואָס דער געשטאָרבענער שטופּט זיך דורך און געהט דורך בשלום די־





ענגע טהיר פון טויט—איז געוויס דאָ אויף יענער וועלט אַזעלכער, וואָס נעמט איהם אויף און רופט אויס מיט פרייד: מזל־טוב! מזל־טוב! אַ קינד איז געבוירען געוואָרען! אַ זוהן איז אונז געווינען געוואָרען!—און די שמחה איז גרויס אין דער פמליא של מעלה. דערפאַר איז פאַרהאַן אַ ווערטעל „אַן אַלטער און אַ קינד זענען גלייך"! וואָס מעהר דער מענש ווערט עלטער, קעהרט ער זיך אום צוביסלעכווייז אויף צוריק—צו זיין קינדהייט. זיין שכל ווערט וויניגער, זיין דמיון שטאַרקט זיך, דאָס לשון ווערט ביי איהם קאַליע ביז—אין דער לעצטער רגע ווערט אים דאָס לשון אינגאַנצען אָבגענומען און דער מענש ווערט צוריק דאָס, וואָס ער איז געוועזן אין דער ערשטער רגע. זיין אַוועקגעהן פון דער וועלט, איז אַקוראַט ווי זיין קומען אויף דער וועלט. ער איז געקומען דורך געבוירען ווערען און געהט אַוועק דורך געבוירען ווערען.

אַזוי רעדט דער זקן שטיל און מיט געוואַלדיג טיפער איבערצייגונג, און דער אָוונד־נעפּעל שוועבט אויף איהם, אויף זיין גרויען קאָפּ און בעשיינט איהם מיט פערהוילענעם חסד און רחמים. שווייגענדיגע, איבעראַשטע זענען מיר געגאַנגען אַרום איהם און אונז איז נישט איינגעפאַלען, אַז נאָך אַ ביסעל און עס וועט טרעפען אַן אומגליק מיט דער דאָזיגער טייערער אַלטער כּלי און זי וועט צעבראָכען אויף צווייען און קיינער וועט זי שוין העלפען נישט קענען.

און דאָס, אויף וועלכען מיר האָבען זיך נישט גערעכט אין דעם זומער איז געקומען אין נאָענטען ווינטער. מענדעלע האָט בעקומען אַ פּאַראַליטש, וואָס האָט איהם אַ האַלבען גוף פּאַראַליזירט. די דאָקטוירים איז אַפילו נאָך געלונגען איהם אַראָפּצונעהמען פון בעט און איהם שטעלען אויף די פיס, ווי אויך אַרויסצופיהרען איהם אויפן פעלד צוויי זומערען, אָבער דער שר של זקנה האָט שוין זיינס געהאַט אָפּגעטהון: די טייערע אַלטע כּלי איז צעבראָכען געוואָרען און איז שוין נישט פעריכט געוואָרען.

אָדעס, אַ חנוכּה התרע"ח.
צו מענדעלעס ערשטען יאָהרצייט.

ב. עפּעלבוים

# פון ר׳ מענדעלס שמועסן

# העברעאיש און העברעאיסטען.

איז עס געוועזן אַ שבת'דיגער פרימאָרגען. די זון איז אַרויס אַ פרעהליכע פון איר פוטער־פּאַס. פרישע ווינטלעך האָבען געבלאָזען מחיה'דיג, די גאַנצע נאַטור האָט געזונגען שירה–און איך מיט מיינס אַ חבר זענען אַוועק צום זיידען, וועלכער האָט געוואוינט אויף אַ דאַטשע־ אויף דער זעכצענטער סטאַציע ביי אָדעס.

דער שבת'דיגער מענדעלע איז געווען גאָר אַן אַנדערער: אַ שבת'דיגער, אַן אויפגעלעגטער און אַז ער האָט זיך נאָך געפונען צווישען בוימלעך און גראָזען–פלעגט ער שטענדיג זאָגען חידושים.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אויף זיין דאַטשע, האָבען מיר אים צווישען די ביימער נישט געטראָפען. משמעות–ער האָט אַ גאַסט. אויף אַ באַנק איז געזעסן די באָבע אָנגעטון אין איר שבת'דיגען שוואַרצען קאַפּטעל און אַז זי האָט אונז דערזען האָט זי אונז אָנגעוויזען–אין צימער.

דער זיידע איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש. אויפן טיש: דער הערוך–זיין רעכטע האַנט, דער משניות–זיין פריינד, און דער תנ"ך–מיט וועמען ער האָט זיך נישט געשיידט. די פענסטער זענען געווען אָפען, גרינע בלעטער האָבען אין זיי געשאָרכט. די זון האָט זיך אויף זיי געשפּילט און אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגען פּירקאַנטיגע שטיקער זון. דער זיידע האָט געשיינט. דער זילבערקאָפּ פריש פערקעמט, אָנגעטון אין שבת'דיגען שוואַרצען סורטוק מיט די קליינע שמאָלע לאַצען. נעבן אים אַ בעוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער, וועלכער





האָט אים פאָרגעלייענט זיינס אַ מאמר פון געדרוקטען וך און בייזערט זיך.

–אָבער יאָ, וויסען זי, מען שרייבט דאָך היינט ..אָר קיין העברעאיש נישט. מען פּלאַפּעלט דאָך. און נישטיקייטן דערלאָזט מען. יונגלעך שפּילען זיך אין ליטעראַטור. און מען כאַפּט אויף. און מען צעלייגט אויף טעלערלאַך און מען מאַכט נביאים. מיט געוואַלד מאַכט מען נביאים. אָבער אום גאָטעס ווילען וואָס געהערן זיך אָט די ליטעראַרישע סאַרווערס מיט ליטעראַטור. וואָס פאַרשטיין זיך דיזע חברה־לייט אויף קונסט?

אַזוי האָט גערעדט דער שריפטשטעלער. דער זיידע האָט אויסגעהערט און געשמייכעלט מיט זיינע קלוגע שפּיציגע אויגן און געדאַכט האָט זיך, אַז ער טראַכט:

–רעד, רעד. מיר וועסטו נישט פאַרעדען...,

דער שריפטשטעלער וואָס האָט בכלל געהאַט אַ טבע צו האָבען טענות צו דער גאַנצער וועלט. באַזונדערס צו דער העברעאישער ליטעראַטור–האָט זיך אַלץ געבייזערט אויף „די טאַלאַנטלאָזיגקייטן וואָס האָבן זיך געכאַפּט חובב'ן און פּלאַפּלען אַ קלאָגעדיגען העברעאיש" און דער זיידע שווייגט, זיין הויכער שטערען איז באַשטראַלט מיט זון פון פאַנטאַזיע. קנייטשט ער דעם שטערן: וויל עפּעס זאָגען.

צעשמייכעלט זיך דער זיידע:

–און וואָס דען מיינט איר? אַז מיר קענען העברעאיש? וואָס מ'שטיינס געזאָגט בין איך מיט אייך קעגען אַזעלכען וואָס איז אַ „חובב", וואָס האָט ליב, וואָס לויפט אַרום ווי אַ צעדולטער איבער די געמאַרקען און שרייט אהבתי, אָט זיי–קענען. מרוקען זיי, מאַכען זיי מיט די הענט, אָבער דער עיקר די פּנימלעך זייערע: גאָטספראַכטיגע, מיט שמן זית אויסגעשמירטע, זענען זיי טאַקע מלא חן אַז עס פערקלעמט ביים האַרצן. ווייסט איר גאָר וואָס? איך האָב בדעה צו געבן אַן צנאָנס אין די „גאַזעטען" געשריבען בזה הלשון:

„איך, החותם מטה, שוין נישט קיין יונגערמאַן–מען מוז מודה זיין–קוק אויף אַ בריל, נאָר האָב נישט קיין שלעכטען

קאָפּ: אַז מען גיט מיר צו פערשטיין, פערשטיי איך, זוך אייגעם אַזעלכען וואָס זאָל מיר אויסלערנען די קונץ פון ארץ ישראלדיגען העברעאיש.

און אונטערשרייבען וועל איך מיך:

—מענדעלע מוכר ספרים.

מיר שמייכלען, דער זיידע ווענדעט זיך צום שריפטשטעלער.

—אויב איר ווילט קענט איר אויך צושטיין פאַר אַ שותף. סשאַדט נישט, איר וואָלט זיך אויך געמעגט צולערנען אַ ביסעל העברעאיש.

נאָר דער זיידע אַליין שמייכעלט נישט. עפּעס נישט דאָס האָט ער געוואָלט, שטאַרקער טיפער האָט ער געמיינט.

פּלוצלונג און דער זיידע גיט זיך אַ שטעל־אויף ערענסט כמעט עטוואָס בלייכער, צעטומעלט, גיט אַ כאַפּ אַרום דעם קאָפּ פון שריפטשטעלער אַז יענער האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקען און דער זיידע האַלט דעם קאָפּ צו ברוסט געדרוקט און שרייט אין איין אָטעם:

—טשעפּעט נישט! איך וועל נישט לאָזען! איר זאָלט נישט וואַגען! לאָזט אָפּ! געהט אַוועק! אַוועק! ער איז מיין! טשעפּעט נישט!

מיין חבר קוקט מיט וואונדער:

—ווער טשעפּעט אים דען?

האָט זיך דער זיידע צעלאַכט מיט זיין דין פּריש געלעכטערל און זיך צוריקגעזעצט.

—אָט דאָס שריי איך דאָך אויך!? פאַרשטייט איר שוין, געקומען אַ חברה ליידאַקעס, אַרומגעכאַפּט דעם העברעאיש, קוועטשען און דריקען אים מיט אַלע כחות. אָהאָ! קוועטשען קענען זיי די ליידאַקעס... און מאַכען אַ יראת שמים פנימל און געוואַלדעווען איבער אַלע גאַסן:

—איר זאָלט נישט וואַגען! טשעפּעט אים נישט! לאָזט אים אָפּ! ער איז מיין! איך וועל נישט לאָזען!

און נישט נאָר זיי שרייען, זיי גיסען כמעט מיט טרע־





רען ווי בערדיטשעווער גבאיטעס יום כפור צו נעילה און איך שטיי און הייב מיט די אַקסלען און ווייס נישט וואָס דאָ קומט פאָר: רבונו של עולם! ווער טשעפּעט אים דען?

מיר האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. דער זיידע האָט אויך געלאַכט און מיט אַמאָל איז ער עפּעס בייז געוואָרען:

—זיי וועלען אַזוי לאַנג שרייען און דריקען דעם העברעאיש ביז זיי וועלען אים חס ושלום דערשטיקען... ער איז אין גרויס געפאַר. אַ והא ראיה—פאַר אַ קאַליקע האָבן זיי אים שוין געמאַכט. איר האָט דאָך מסתם געלייענט ווי חברה „פּאַטשקעס” עפּעס אַ מין טערקיש רח״ל און רופען דאָס העברעאישע שפּראַכע און אַז עס קומט צו דברן איז ער דאָך ממש אָהן אַ צונג. עפּעס מאַכט ער מיט די הענט, בריקעט מיט די פיס און היסט און ניסט און נע! ווייס איך וואָס, ס׳איז היינט שבת מען טאָר נישט זיין אין כעס.

דער זיידע האָט זיך געשטאַרקט, האָט מער פון דעם נישט געוואָלט ריידען, האָט זיך אויפגעשטעלט צוגעגאַנגען צום פענסטער פערשטעלט מיט דער האַנד פאַר די אויגען אַרויסגעקוקט און דערנאָך געזאָגט:

—ווייסט איר גאָר וואָס—לאָמיר אַרויסגיין שפּאַצירען. אין דרויסען איז מחיה נפשות אין שטוב איז געוואָרען דושנע פון די לייט וועמען מען האָט דאָ דערמאָנט.

האָט אָנגעטון זיין קעפּקע און מיר זענען אַרויס.

האָט פרייער אָפּגעזאָטעמט. האָט דערזען די ביימער און גראָז, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, די ליכטיקע זון וואָס איז אים געווען אַזוי טייער און נאָענט און פאַרגעסען אין די ליידאַקעס און ווי אַ קליין קינד זיך געפרייט מיט זון און גרינס.

ווי יונג און פריילעך איז געווען דער גרויסער זקן אין דער שעה.

## נז

## דער זיידע דערצעהלט א מעשה

ס'איז געווען אַ ליכטיגער טאָג. דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט געשטשיפּעט אין די אויערען, דער שניי איז געלעגען אַ האַרטער אַ פער'עקשנ'טער די זון האָט געשיינט ליכטיג און העל.

אין ביכער פערלאַג „מוריה" זענען זיך די יודישע שריפטשטעלער צוזאַמענגעקומען דער אויבען איז געווען הייס, און פרייטאָג איז עס געווען—אַ טאָג וואָס איז מסוגל מען זאָל אין אים רעדען פון דער גאַנצער וועלט—זיצט מען און מען שמועסט: איינער אַ שריפטשטעלער, זיצט און חוזק'ט, און סטאַרעט זיך צו רעדען ווי אַן אייראָפּעער, בכלל האָט דער דאָזיגער אַ טבע צו זיין דער פערשטעהער פון אייראָפּע און פון אייראָפּייאישער, בעזונדערס דייטשער ליטעראַטור, און אַ רייצע ווינצען האָט ער, וועלכע ער חזר'ט איבער אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פאַר די זעלבע צוהערער, רעדט מען, לאַכט מען, און דער עולם איז פריילעך.

פּלוצלונג עפענט זיך די טהיר, און עס קומט אַריין דער זיידע, ער בלייבט שטעהן אויסגעצויגען, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנגעטון איז ער אין זיין ווינטערדיגען ראָק מיט דעם באַרינקאָווע קעלנערעל וואָס פערשפּילעט זיך אינטערן בערדעל, מיט דעם קליינעם באַרינקאָווען היטעלע, קוקט ער זיך אַרום איף די אייניקלעך מיט הנאה. זעהט ער אויס ווי אַ ליטעראַרישער פעלדמאַרשאַל, און באַלד צושמייכעלט ער זיך:

—אַ, אַ!... חברה קלויזניקעס... קענען זיך גאָרנישט אָבּרייסען פון הייסען אויבען, לעמעשקעס וואָס איהר זענט,





ישובֿה-בחורים גיהט אַרויס אין דרויסען, וועט איהר זעהן, ווי גאָט'ס וועלט איז שעהן, איהר ווייסט פון וואַנען איך קום איצט? איך האָב מיר געמאַכט אַ שפּאַציר, פון דער היים האָב איך זיך געלאָזט ביז אוספּענסקי, פון דאָרט האָב איך זיך פערקערעוועט אויף מאַראַזלי-גאַס און געכאַפּט אַ שפּאַציר אין פּאַרק, ס'איז מחיה נפשות, דער פראָסט ברענט און שטשיפּעט אַז מען וויל שרייען „אוי מאַמע"! נאָר די זון שיינט און לייכט און עס איז גוט. דער פראָסט ברענט?—ווייס איך וואָס, מענדעלי דערשרעקט זיך נישט פאַר אַזעלכע זאַכען.

מאַכט מען איהם אַן אָרט אין מיטען נעבען אויבען?—חס ושלום? וואָס איז ער עפּעס אַ יודענע וואָס דאַרף פּליקען פעדערען? פע! דאָס איז אַ מנהג פון ווייבער און בטלנים, און ער האָט זיי ביידע שטאַרק נישט ליב, זיצט ער אָבגערוקט פון דעם אויבען, אַלע זעצען זיך אַרום איהם, וואַרט׳ מען, וואַרט מען ער זאָל עפּעס אחידוש זאָגען.

דערווייל האָט זיך איינער עפּעס דערמאָהנט און זיך געווענדעט צו זיידען מיט אַ שאלה:

—זיידע, ווי קומט עס, וואָס פלוני בן פלוני... אָט דער וואָס דאַרף בטבע זיין אַ „קאָלבאַסניק" און האָט זיך אַריין געריסען מיט חוצפּה אין דער יודישער פּרעסע, ווי קומט עס, זיידע וואָס ער האָט ביי אייך—אדריסת הרגל?

לאַכט דער זיידע:

—איהר מיינט דאָס ערשטע מאָל אַז איך פאַל אַריין? איי-איי קלוג און קלוג אָט דער מענדעלע, דאַכט זיך אַ יוד אַ פּיקח, וואָס שטעלט אונטער יעדען אַ פּיסעל ווען מען דאַרף—דאָך זייט זיך משער, אַז איך פאַל אַ סך מאָל אַריין, אָט וועל איך דערצעהלען אַ מעשה שהיה:—ס'וועט שוין זיין שענע עטליכע יאָהר, אַ, שוין אַ יאָהר פופציק, און אפשר מיט אַ שמיצעל, איך בין זיך דעמאָלט געווען אַן איידעמעל, אַזוי א הדר'-דיגעס, געזעסען אויף קעסט ביים שווער אין בערדיטשעוו, הגה געווען פון עולם הזה, פון אַ פרישע בולקע אַלע טאָג און

עוסק געווען אין עולם הבא, געלערנט הקירה און זיך גע־מליצה׳ט.

ויהי היום, און מיין שווערס אַ ברודער דאַרף חתונה מאַכען זיין בנ׳דעל, דאַרף מען עס פאָהרען קיין קיעוו אויף דער חתונה. און פאָהרען אויף אַ חתונה—דאַרף מען מיטנעמען מיט זיך עפּעס אַ שייגדעל, אַן איידעמעל אַזוי אַ צאַצקעדיגס: אַ משכיל, אַ בעל־מליצה און איך בין ווי אָנגעמאָסטען, מילא ס׳העלפט עפּעס? מען מוז פאָהרען.

פאָהרט מען, שלעפּט מען זיך ווי די יודען פון מצרים. גאָר נישט דאָס בין איך אויסען.

געקומען אין קיעוו, איז געווען אַ חתונה, מיט כלי־זמר מיט די אַלע אַכצעהן זאַכענישען, איצט נאָך דער חתונה—האָט מען זיך גענומען משמח זיין ביד רחבה, עפּעס אַ קלייניגקייט טודרוס בן חיים, אַ מאַנסביל פון צוועלף יאָהר האָט גענומען זיין זיווג טריינע בת ישראל חיים. וועט מען זיך אַוועקזעצען אויף קעסט, און מ׳וועט קינדלען ווי גאָט האָט געבאָטען, און מען וועט מזכה דעם רבונו של עולם מיט פרישע צאַפּעלדיגע יודעלאַך וועלכע וועלען דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג און שפּריג־גען קדוש. איז דאָך, דאַכט זיך פאַרהאַן פון וואָס זיך משמח צו זיין, עפּעס אַ קלייניגקייט.

נאָר מיר רעדט דער יצר הרע אָב פון בלייבען; ער זאָגט צו מיר אַזוי: מילא זיי—זיינען זיך יודעלעך וואָס האָבען מעהר נישט אין זייער וועלט ווי קינדלען און מאַכען זייערע קינדער קינדלען. ווילען זיי בלייבען און זיך משמח זיין, איז עס אַ שכל, אָבער דו מענדעלע, וואָס האָסט שוין געקוקט אין די קליינע אותיות׳לעך, און ווייסט אַז די וועלט פאַרמאָגט נאָך גרעסערע וואונדער, און אין דער היים, האָסטו אַ טיש מיט טינט, מיט פּאַפּיר, מיט אַ פעדער, וואָס ווסטו דאָ בלייבען זיצען.

און דאָס מאָל האָב איך איהם געגעבען גערעכט, ער רעדט שכל׳דיג. איהר דאַרפט וויסען, אַז אָט דער בעל דבר.





רעדט אַמאָל גאָר מיט קאָפּ, און איך האָב זיך בעשלאָסען: מענדעלע טראָג זיך אָב.

בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען צו געפונען אַ בעל עגלה מיט וועמען איך זאָל פאָהרען אַהיים לק״ק בערדיטשעוו.

געקומען אין דער אכסניה, וואו בערדיטשעווער בעל עגלות שטעהען איין און איך האָב דאָרט געטראָפען מיכל באַל־באַטש, אַ יוד אַ דברן וואָס האָט געהאַלטען אין איין באָלבען און דערפאַר האָט מען איהם גערופען באָלבאַטש.

—הער זשע מיכל—זאָג איך צו איהם—ווּעסט אפשר פער־נעמען דיין סוס מיט דער בויד און מיט מיר פאָהרען קיין בערדיטשעוו.

—מיט׳ן שענסטען כבוד, ר׳ שלום יעקב.

—אַפילו נישט מיט׳ן שענסטען כבוד—ענטפער איך—נאָר מיט גרויס צרות און מאַטערנישען, איידער דער סוס דיינער וועט זיך דערשלעפּען אין די טיפע בלאָטעס.

—גאָט איז מיט אייך ר׳ שלום יעקב. וואָס הייסט? גיט נאָר אַ קוק ס׳איז דאָך אַ סוס אַ לייב, אַן אָדלער, ער געהט פייל פון בויגען, און די בויד־שרים מעגען אין איהר פאָהרען, גיט אדרבא אַ קוק ווי זי איז אויסגעבעט מיט פריש מחיה׳דיג שטרוי.

—איך זעה—זאָג איך—ווי די בויד איז מערדריפּעט ביז אַרויף, און אַז איך וועל האָבען גרויסע צרות פאָהרענדיג מיט דיין אָדלער, וואָס האָט אַן אויסגעקראָכענעם ווידעל—וויפיל זשע וועט עס מיר קאָסטען דער יודישער תענוג צו פאָהרען מיט ר׳ מיכל׳ס בויד, ביז׳ן גאַרטעל אין בלאָטע—און אָנקומען אויף שבת קיין בערדיטשעוו?

—וואָס פרעגט איהר ר׳ שלום יעקב, מיר וועלען דאָך פאָהרען פייל פון בויגען, מיט איין פאַרשווינדעל וועט עס דאָך געהן ווי אַ מזמור, איהר וועט מיר געבען די גאַנצע צוועלף גילדען.

זאָג איך איהם.

—הער זשע די בעל עגלה, איך גיב דיר וויפיל דו ווילסט,

נאָר בתנאי דו זאָלסט מיט מיר נישט מאַכען קיין שטיק, עס זאָל מיר למע״ש שפּעטער נישט אַריינפאַלען פּלוצלונג אַ פאָר פאַרשווינדליך אין בויד אַריין, איך האָב דאָס פיינד.

—זאָל גאָט היטען, וואָס הייסט? אָבגערעדט איז אָבגערעדט.

ס'איז שוין געווען אָווענד צייט ווען כיר זענען אַרויסגעפאָתרען, איך האָב זיך געזעצט אויף מיין זיץ־קישען, דאָס איז געווען אַזאַ קישעלע פון לעדער, אָנגעשטאָפּט מיט פעדערן און זיך אָנגענומען אויסצושטעהן אַלץ וואָס מען דאַרף אויסשטעהן ביי ר׳ מיכל׳ן אין בויד, אַלע טלטולים און צרות: געהן צו פיס אין בלאָטע, וואו מען דאַרף—אונטערהעלפען מיט דעם אַקסעל ווען עס האַלט ביי באַרג אַרויף, און אָבקומען וואָס אַ יוד איז בעשערט אין וועג.

די נאַכט איז צוגעפאַלען, אַ שלעכט וועטער. אַ נודנער רעגען האָט געשפּריצט ואני—און איך מענדעלע זיך אין בויד. מיכל באַלגאַטש האָט אָנגעזאָגט זיין סוס—אַ שמייס געבענדיג מיט דער בייטש אַז אונזער נסיעה פאַנגט אָן—און מיר פאָהרען.

געקומען אונטער׳ן שטאָדט—טפררר! מיין מיכל האָט זיך אָבגעשטעלט וואָס איז עפּיס נייעס? און מיכל שטעהט שוין נעבען מיר:

—זאָלט איהר מיר געזונד זיין, ר׳ שלום יעקב אַ גרינג פאַרשווינדעל.

מיר האָבען דאָך עפּיס אָבגערעדט?

—איך האַלט דען נישט קיין וואָרט? זאָל גאָט היטען, נאָר אַ גרינג פאַרשווינדעל, אַ פרוי, וואו וועט זי בלייבען אין דער פרעמד? און נאָך—איהר פערשטעהט דאָך אַליין, עס געהט צו שבת מען דאַרף דאָך פערדינען...

נו מילא, ווער קען ביישטעהן אַזאַ נסיון? אַ גרינג פאַרשווינדעל, אַ פרוי, און אַ יוד דאַרף פערדינען אויף שבת... שבת איז דער גרעסטער תירוץ, זאָל זי שוין פאָהרען.

אין בויד קריכט אַריין עפּיס אַ זאַך אַרומגעוויקעלט אין פאַטשיילעס און דערעס. איך טרעט איהר אָפּ דאָס אָרט אויבען—און זעץ זיך געגען איהר.





פאָרט מען ווייטער און מיר גליסט זיך אָנהויבען אַ שמועס מיט דער דאַמע. מען דאַרף דאָך זיין אַ עטיקעל איידעלמאַן. מען זיצט מיט אַ יונגער פרוי אין אַ בויד, דאַרף מען דאָך נישט זיצען ווי אַ לעקיש דערצו איז מען דאָך עפּיס שוין אַ משכיל, וואָס איז שייך, און איך הויב אָן:

—איהר זייט פון בערדיטשעוו?

—מאו־ו־ו.—גיט זי אַ מרוק.

—איהר זייט אַ געבוירענע פון בערדיטשעוו,

—מאו־ו־ו.

טראַכט איך, אַ פרוי, פאַסט נישט באַלד צו ווערען חברייס. און איך הויב אָן רעדען.

ס'איז געווען נאָך דער טערקישער (?) קריג. און איך צופלאַקער זיך, הויב אָן אַרויסווייזען מיין בקיאות אין סטראַטעגיע, שפרינג אַריבער די פּאָליטיקע און דרשן תרפ״ט דרשות, ווייז אויף וואָס די מלוכות מיינען און ווילען, פון פּאָליטיק כאַפּ איך זיך אַרויף אויף ליטעראַטור, און צופרעדיג זיך ווי אַ משכיל קען וועגען השכלה וועגען דער „הימלישער טאָכטער" און אַ ציבגעל האָב געהאַט ווי עס פאַסט פאַר מענדעלין און איך לעג אַוועק דאָס אמת׳ע לשון, מאַך מיט די הענד און בייזער זיך, שריי און מאַך קולות אויף די דאָזיגע „פּאַטשקער" וואָס האָבען זיך אָנגעזעצט, ווי בייזע פליגען אויפ׳ן פאָלק—בקצור איך בין אַוועק גאָר אין די ווייטע דרכים. איך האָב שוין אָנגעשפּאַרט ביים רמב״ם און ביי אריסטען און ביי די נביאים.

איך האָב איבערגעהאַקט אין מיטען און געפרעגט:

—איהר הערט?

זי האָט אַ ציטער געטהון, ווייזט אויס געכאַפּט אַ דרימעל אין דער צייט וואָס איך האָב מיך אַזוי געקאָכט און געענטפערט:

—מו־ו־ו—מיט אַזאַ פעריסען קוויטשעלע.

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך בין זיך בעגאַנגען

מיט איהר נישט ווי אַן איידעלמאַן, אַליין זיץ איך אויף אַ ויץ־קישען, און זי נעבעך... איך האָב זיך געכאַפּט פּעריכטען מיין פּעלער און איהר פאָרגעלעגט מיין קישען, זי האָט גענומען און עפּעס אַ מרוק געטאָן, אַ דאַנק משמעות.

אַזוי זענען מיר אָבגעפאָהרען די גאַנצע נאַכט, איצט אין דער פריה זענען מיר אָנגעקומען צו אַ קרעטשמע. אַז איך בין אַריינגעקומען אין קרעטשמע, האָב איך זיך געהייסען געבען אַ טרונק בראָנפען מיט אַ פּאָר בייגעלעך. נאָך נישט געווען קיין טאָג. מען האָט נאָך געמעגט עסען פאַר׳ן דאַווענען. זאָג איך צום בעל־עגלה:

—ווי איז זי די פרוי, רוף זי צו וועט זי אויך עפּעס נעמען. זי איז צוגעגאַנגען, שוין געהאַט אַראָבגעוויקעלט פון זיך די פאַטשיילעס און... איהר האָט אַמאָל געזעהען אַ בערדי־טשעווער סעדיכע?... זאָל גאָט שומר ומציל זיין: דאָס פּנים צוקנייטשט. די טרערען רינען איבער די באַקען, ווי טראָפּענס רעגען אויף אַ פערהויכטער שויב, ציהען זיך אין פאַסקעלעך. די אויגען אַרומגעליאַמעוועט מיט רויט... און איך לעקיש, האָב עס אין איהר אַריינגע׳דרשנ׳ט אַ גאַנצע נאַכט.

דאָ איצט האָבען זיך אַלע צולאַכט און דערמאָנט, אַז דאָס דערצעהלט דער זיידע אַ מעשה שהיה, די גאַנצע צייט האָט מען געשוויגען און עס האָט זיך געדאַכט אַז דאָס לייענט ווער פאָר ליטעראַטור, קלאַסישע ליטעראַטור...

—אַזוי טרעפט מיט מיר-האָט דער זיידע געענדיגט-עס קומט עפּעס אַזאַ „פיין" פאַרשוינדעל, אַ נפש ביי וועמען גאָט ליגט אויף די ליפּען מיט איראת שמים פּנים׳ל, אוצדקתך... בין איך דאָך אַ צוטראָגענער, מיין איך מי יודע וואָס פאַר אַ דאַמע... דערנאָך לאָזט זיך אויס, אַז עס איז אַ בערדיטשעווער סעדיכע... אָדער גלאַט עפּעס אַ יוד אַ מנול...





# III

## בוישקן אייגענע.

דער זיידע איז געשטאַנען אין אַ עיגול, פון וואַנען ער האָט מיט ליכטיגע אויגען געקוקט אויף גאָטס וועלט און געזען ווי אַלץ שוויבעלט און ווימעלט, ווי עס הייבט אָן שפּראָצען, אַ גרעזעלע און עס צעוואַקסט זיך אַ בוימעל, ווי עס פרוכפּערען און מערען זיך אידעלאַך אין די דלות׳דיגע געסלעך, זיין אייער האָט פערנומען אַלע קרעכצען און זיפצען וואָס טראָגען זיך פון אַלע זייטען, קיין זאַך פאַרבאָרגט זיך נישט פון אים.

אין זיין עיגול-האָט נישט יעדער די זכיה אַריינצוקומען, דאָרט האָבען אַן אָרט די דאָזיגע וואָס פערשטייען וואָס דער קלענסטער שמייכעל באַדייט, וואָס פילען דאָס קנייטשעל אויף זיין ליכטיגען חויכען שטערען. פאַר וועמען מען דאַרף דעם געדאַנק נישט פערטייטשען אָדער איבערחזר׳ען... און אַ גרויסער מרקדק איז געווען דער זיידע, אַן איבערקלויבער, נישט יעדען לאָזט ער צו זיך אַריין, און אַ חוש האָט ער אַ געוואַלדיגען, ער דערפילט באַלד וואָס פאַר אַ נפש עס איז, און קוים איז ער אַ „פרעמדער"... קוקט אים דער זיידע אָן מיט אַזאַ קוק וואָס דער „פרעמדער" וועט נישט אויסהאַלטען און וועט צוריק אַנטלויפען.

טרעפט אַמאָל און עס פערקריכט אין דעם עיגול אַן אומריין באַשעפעניש, עס פויזעט אַהין אַריין אַ שרץ-פערשטעהט ער זיך נישט אויף איידעל אָנצוהערעניש און וויל זיך נישט אַרויסרוקען, שטעלט נאָך אָן אַ פּנים מיט יראת שמים און הערט מיט כונה, פילט זיך דער זיידע שלעכט, עפּעס די הענד זענען אים געבונדען, נאָר פערפאַלען, מען מוז דאָך זיין איידעל,

האָט ער עגמת נפש, פאַרדריסט אים נאָר וואָס זאָל מען טוען? דאַרויף איז מען דאָך אַ יוד און מען דאַרף אויסשטעהן צרות פון די אַלע שלעק, אַנשיקענישען, בייזע באַגעגענישען און איז דעריבער אַ כך מאָל נישט אויפגעלייגט.

און איינמאָל געדענק איך—איז דער זיידע געווען שטאַרק אויפגעלייגט, זיך געפונען אויף אַ דאַטשע צווישען בלויז אייגענע מענשען. אַ שטילער גוטער פאַרנאַכט, פון ים האָט עס געבלאָזען פריש און אנגענעם, דאָס ווינטעל האָט געגלעט זיין הויכען שטערען, און ער האָט אָנגעהויבען דערציילען מעשיות.

—אַ מעשה מיט אַ פוטער. ווי אַזוי ער איז געווען אויף אַן אַסיפה, געווען דאָרט די שענע בעלי־בתים, די גרויסע גבירים, עפּעס אַן ענין פון מעות־חטים, מען האָט געדאַרפט פערזאָרגען די קבצנים מיט מצה. שייך צו זאָגען, עס גייט צו פסח... אָרעמעלייט ב"ה די והותר, גבירים זענען זאַט, אָנגעוואַרעמט זוכט מען זיך צו פערווייַלען מיט מצות פאַר די אביונים, האָט מען גערעט, ס'הייסט דער גביר מיט די קליינע מייזען־אייגעלעך האָט גערעט, אַ פה־קדוש, ס'זאָגט גרויסע חכמות אַז מען האָט געקאָנט איינשלאָפען, נאָר ווי דער מנהג איז האָט מען געלאַכט, אָ־וואַ, איר הערט? אָט דאָס הייסט געזאָגט פששש... דערנאָך ווען דער גביר האָט שוין געהאַט אויסגעפּלאַפּעלט זיינע נאַרעשקייטען האָט מען געענדיגט די אַסיפה: נישקשה גאָט וועט נישט פאַרלאָזען. מען האָט, הייסט עס, געמאַכט אַ שעובד דרבי נתן. צום רבונו של עולם... ער וועט שוין זאָרגען פאַר זיינע יודען. בפרט נאָך אַז דער שטאָט־גביר האָט מסכים געווען. און נע! נישטאָ וואָס צו ריידען, ווי אין קעשענע.

דערנאָך הייבט מען זיך אָן אָנטוען די פוטערס. די גרויסע ברייטע פוטערס מיט די ברייטע קעלנער. אייניגע זענען שוין אַוועקגעגאַנגען. און דער שטאָט־געביר קרעכצט און זיפצט פון תענוג וועגען, און קריכט זיך געלאַסען אַרויס אין קאָרידאָר. וויל אָנטוען זיין פעלץ—איצט לאָזט זיך אויס אַז ער איז נישטאָ. ווער האָט צוגענומען ר' אברהמ'עלעס פעלץ? קיינער





הייסט נישט, ווי אין וואַסער אַריין, מען זוכט, מען נישטערט נישטאָ. אויפ'ן הענגער הענגט עפּעס אַ פוטערעל, מיט אַ שמאָל קעלנערעל, משמעות—מען האָט זיך פאַרביטען. ווער־זשע האָט עס געקענט טוען? אַ שייגאַץ קען?

און מענדעלען—קענט איר דאָך, ער דאַרף זיך דאָך אָננעמען אַלע קריוודעס, פאַרדריסט עס אים, געהט ער אַרויס פון די כלים און מאַכט אַ געוואַלד:

—וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפה! נעמען און פאַרבייטען זיך מיט יענעמס פוטער! וואָס איז דאָס פאַר אַ העזה? דאָס איז דאָך שוין גנבה! וואָס איז? מען קען האָבען אַ טעות פון אָט דעם פוטערעל ביז... איך האָב דערווייל אָנגענומען דאָס פוטערעל וואָס איז געהאָנגען און־א?... איך קוק מיך צו נעענטער—עפּעס באַקענטליך, און איך גיב אַ קוק אויף זיך—צו מיינע שונאים'ס קעפּ! איך בין עס, הייסט עס, דער חוצפה'ניק, דער בעל העזה'ניק, פע!

און דער זיידע האָט עס דערציילט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, נאָכמאַכענדיג די תנועות און די העויות, מען האָט פאַר זיך געזעהן דעם גביר מיט די קליינע אייגעלעך ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען.

און נאָך אַ מעשה:

יצחק־יוסעל דער דרדקי־מלמד, איר דאַרפט וויסען וואָס ס' הייסט דער נאָמען אַליין: יצחק־יוסעל!... איצט דאַרפט איר משיג זיין וואָס מען מיינט אַ דרדקי־מלמד פון יענער צייט. איצט דאַרפט איר האָבען אַ באַגריף וואָס עס הייסט אַ באַרדיטשעווער פרומער יוד. איצט נעמט און רעכענט צוזאַמען. א יצחק יוסעל אי דרדקי מלמד און פון באַרדיטשעוו, און אַזאַ מין בריה דאַרף עס גייען איז סאנד (סוד) אַריין פאַר [illegible] עדות!

מילא דאָס וואָס ער וועט נישט קענען דבר'ען קיין גויע'ש, איז ער אייך מוחל, ווי שטייט עס געשריבען אַז מען דאַרף קענען? און צווייטענס וואָס איז שייך צו זאָגען אַ יוד קען נישט רעדען קיין גויש, אַ גרויסע חכמה, אַז אפילו אַ

דער פאנקע וואס נעמט אראב שבת די לייכטער קען עס. א קלייניקייט?! נאר וואס דען?—ווי אזוי גייט מען עס אין בלורזען קאפ? מען טאר דאך נישט?!

נאר בשקשה יצחק־יוסעל פערלירט זיך נישט. ער וועט שוין געפינען עפעס אן עצה, ווארום באמת, עצות—דארפט איר שוין נישט לערנען אונזערע יודען, ווי האט איר א יוד, למשל, ער זאל נישט האבען א מיניסטארישען קאפ? ווייזט מיר אדרבה איין יוד וואס זאל נישט קענען זיין א שר צבא, א שני למלך, א יועץ למלכות?

און כך הוה: יצחק־יוסעל האט געפינען אן עצה: ער האט ארויסגענומען די פאטשיילע, וואס איז געווען לכתחלה רויט מיט שווארצעביימער, און איז שוין איצט געווען גרין פון טאבאקע און פון נאך אזעלכע זאכען, האט זיך ארומגעבונדען דאס בערדעל, ס'הייסט די ציין טוען אים ווי, האט אויפ'ן קאפ געמאכט אזא גרויסען קניפ אז עס האט אים דעם גאנצען קאפ פארדעקט און... ער האט אבגענארט פאניען...

און דער זיידע האט טאקע מניה וביה ארויסגעכאפט די פאטשיילע, האט זיך ארומגעבונדען דאס בערדעל—אזוי אז עס איז געהאנגען אויף דער גאמבע א ציגען בערדעל. האט געמאכט דעם קניפ און אנגעהויבען נאך רעדען יצחק־יוסלען, ווי ער פאראיקעט זיך און כאפט זיך אלע ווילע פאר דער באק, מאכט א גרימאסע פון שטארקען ווייטאג. און פאר אונזערע אויגען איז געשטאנען א לעבעדיגער יצחק־יוסעל, א דרדקי מלמד אין בארדיטשעוו.

און געדאכט האט זיך, דאס האט דער זיידע געזאגט א שפרוך און יצחק יוסעל איז געקומען פון עולם האמת און זיך דא אוועקגעשטעלט פאר יודישע שרייבער ווי ער וואלט זאגען:

—קוקט און זעהט ווי עס האט אויסגעזען אמאל א בארדיטשעווער מלמד—וואס איז אוועק אויפ'ן עולם האמת און זיין גלייכען איז שוין מער נישט געבליבען אויף דעם עולם השקר, וואו מען איז ארויס לתרבות רעה און פארגעסען אין פרומקייט...

שפעטער האט דער זיידע זיך געדארפט אומקערען אהיים,





און ער האט זיך שטארק מצער געווען, עפעס אין דער היים קומען די שרצים באזונדערס דער דאזיגער, ווי רופט מען אים דארט, דער וואס איז געקומען פון ווארשע מיט א דרוק און קריכט מיט גראבע פינגער אין דער פרעסע...

פרעגט מען אים:

—זיידע פאר וואס פארשרייבט איר אים נישט!

לאכט דער זיידע.

—זיך אבגענארט און אים אריינגעלאזט, איצט איז זיך שווער פון אים אפצוטשעפען, משל למה הדבר דומה—איר ווייסט אז ביי אונז האט מען געפונען א רפואה צו שלעכטע קעפלעך, מען נעמט א שמאטע מיט סמאלע און מען לייגט ארויף, און דאס ווערט צוגעבאקען, דערנאך רייסט מען אראפ... פארשטייט איר מיך, ארויפלייגען—מיטן קוק א מחיה.,, נאר אז עס קומט צום אראפרייסען—זאל גאט היטען!..

ב. עפּעלבוים

# דער זיידע אויפן קראַנקן בעט

דער זיידע ר׳ מענדעלע מוכר ספרים איז קראַנק, מסוכן קראַנק און ליגט אין יודישען שפּיטאָל.

שוין אַ פּאָר וואָכען, אַז ער ליגט דאָרט, נאָר היינט זעט אַ גרויסע שנוי פאָרגעקומען. ער רעדט שוין נישט.

דאָס פּנים איז נאָך ליכטיג, די אויגען נאָך אָדלעריש פערשפּיצט, דער קאָפּ־האָר בלישטשעט נאָך מיט דער זעלבער לעבעדיגער בלוי־ווייסקייט, דער הויכער שטערען זאָגט עדות, אַז דער געדאַנק רוהט נישט. די ליפּען זענען אָבער פערשנור־רעט און ער שווייגט.

אייניגע פון זיינע נאָענטע שטעהן נעבען אים, זיינע אויגען בעוועגען זיך, מען זעהט אַז ער דערקענט זיי—נאָר נישטאָ קיין וואָרט.

און ביז מיט אַ וואָך צוריק האָט ער דאָך נאָך גערעדט, גערעדט ווי מענדעלע, בילדעריש, פאַרביג, מאָלעריש.

איך דערמאָן מיך אָן זיינע געשפּרוכען—איך זעה פאַר זיך דעם אויסדרוק פון זיין פּנים—ער לעבט איבער יעדעס בילד, ער פערגעסט אָן זיין קראַנקהייט און זיינע ליידען און מאָלט.

נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָט ר׳ מענדעלע בעקומען אַ פּאַראַליטש אויף דער לינקער זייט, דאָקטוירים האָבען אים גע־הייסען ניט רעדען, נאָר ליגען רואיג, זיך נישט אויפרעגען. און געלעגען איז ער ווי אַן אָדלער, וואָס מען האָט איהם די פליגעל איינגעשפּאַרט.

—„רייד נישט. זיי אַ בריה און שוויג, דע, געדאַנק אַר־

ביים. דער מח רוהט נישט, שרייבען קען איך נישט, לעזען טאָר איך נישט. און שוויג! גוט צו זאָגען דעם שטראָם ער זאָל נישט שטראָמען...

און ר' מענדעלע האָט גערעדט.

—ווייס איך וואָס, איך וועל די דאָקטוירים אויך איי־בעררעדען.

דערצעהל איך אים:

- ביאַליק לייענט אַ לעקציע „הלכה והגדה" האָט מען קוים בעקומען אַן ערלויבעניש ער זאָל לייענען אויף רוסיש.

—און ער האָט געלייענט?

—געלייענט.

ר' מענדעלע שמייכעלט מיט אַ פערביסען סאַרקאַסטיש שמייכעלע און זאָגט:

—אַ מאָדנע אומה דאָס יודישע פאָלק. גראָטען איז מענדעלען, וויל נישט פערשטומט ווערען אַפילו ווען מען מוז. אַפילו ווען מען סטראַשעט מיט קאַטאָרגע–עהע! אַ יוד וועט דיר נישט שווייגען. דו וועסט אים דאָס מויל נישט פערמאַכען.

איך שווייג. איך זע, אַז דער זיידע האָט עפּעס אָנגע־הויבען שייבען אַ סמן–אַן איינפאַל. ער קוקט מיך אָן נעגטער און זאָגט:

- פערשטעהט איר מיך: ביז אַהער איז געווען אַ גרויס שפּאַרעניש ביי יודען, דורך וועלכן נאָזלעכעל דאַרף אַ יוד אָטעמען? (מיט אַ גמרא ניגון) אייניגע האָבען געהאַלטען, אַז נאָר דורך דעם לינקען נאָזלעכעל, אַנדערע ווידער–לא, דוקא דורך דעם רעכטען נאָזלעכעל, איינע–דוקא העברעאיש... אַנדערע נאָר יודיש, אַז מענשען קענען און דאַרפען אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכלעך–קאָנען זיי נישט פערשטעהן. וואָס זשע טוט גאָט?–קומט דער פאָנקע און זאָגט: אַ יוד טאָר כלל נישט אָטעמען. פערשטאַרט ביידע נאָזלעכלעך און אַ סוף, מיינט איר דאָך אַז איר זענט פאַרטיג? ניין. אַ יוד גיט זיך אַן עצה–ער אָטעמט דורך דעם פינגער: אויף בערדיטשעווער רוסיש.

און דערביי צולאַכט ער זיך מיט זיין יונג קול'כעל, אַז





אייך דאַכט זיך אַ קאַנאַרעק אָדער ווי ער רופט עס „דער סאָ־לאָוויי" האָט זיך צושפּיעלט.

און ר' מענדעלע האָט נישט נאָר די דאָקטוירים איבער־גערעדט נאָר אַפילו די קראַנקהייט אַליין אויך אויף וויפיעל עס איז איבערגערעדט.

עס איז אָנגעקומען אַ זומער. אַ ליכטיגער, וואַרימער זו־מער. דער זיידע איז אַרויס אויף דער דאַטשע, האָט דערזען זיין ליעב פעלד, זיינע בעליעבטע גרינע גרעזעלעך, דעם נאָנ־טען ים. און ער איז געוואָרען אַן אַנדערער.

ער שפּאַצירט שעה'ן לאַנג, שוין מיט אַ שטעקען, זיך נאָכגעגעבען אַ ביסעל, אָבער ער שפּאַצירט. ליגט אויסגעצויגען אויף דער לאָנקע, אָנגעטוהן אין זיין קעפּקע־היטעלע, באָדט זיך אין זונען־שטראַלען און זאָגט „הידושים". חלומ'ט פון אַרבייטען: ער וועט איצט נעמען שרייבען, ער האָט נאָך אַ בעזונדער ווינקעל, וועלכעס ער האָט נאָך גאָר נישט אָנגערירט. ער האָט ווייניג בע־שריבען חסידים, און ער קען זיי דאָך די לייט... ער וועט נאָך ווערען פאָלקאָם געזונד, ער זעהט דאָך שוין, אַז גאָט איז צו אים אַ גוטער, ער האָט נאָך אַזוי פיעל אַרבייט.

---

ער האָט אָבער די קראַנקהייט אין גאַנצען נישט איבער־גערעדט צו פיעל זיך מיט איר אָבגעגעבען, געקעמפּט מיט איר אַ יאָר צייט, און נאָך אַ האַלב יאָר, און לסוף איז ער ווידער קראַנק, ווידער אַ פּאַראַליטש.

ליגט ער אין שפּיטאָל און האָט שטאַרק עגמת נפש. אַ שענער תכלית. ליגען אויפ'ן בעט און גאָר נישט. וואַרטען ביז אַ גוטער-פריינט וועט קומען צוגעהן און דערווייל–רעדט מיט דער וואַנד.

—איך האָב צו שרייבען. איך דאַרף עס געניטיג ווי דאָס לעבען, הייסט מען אָבער נישט. זאָגט מען: מענדעלע ליג און מאַך אַ שוויג.

צלע פעלדשעריצעס קענען אים, אַלע הערען זיך איין

וואָס ער רעדט, וואָס ער זאָגט.

איז עס אין דער פריה, אַ זון שיינט אַריין דורך דעם פענסטער. שטראַלען ברעכען זיך דורך די ראַמען און שפּילען זיך אויף דער קאָלדרע, מיט וועלכער ער איז צוגעדעקט, דער זיידע האָט גאָר אַנדערע אויגען בעקומען. ער רעדט פון זון, פון פעלד, פון גרינע גרעזלעך.

ער בלייבט אין מיטען שטיל. עפּעס אַ בענקשאַפט האָט אים בעוויגען און ער לאָזט אַרויס אַ זיפץ.

די פעלדשעריצע רופט זיך אָב:

—נאָך וואָס זיפצען זיידעניו, מען דאַרף האָבען געדולד.

—„געדולד—מורמעלט דער זיידע—איי איי געדולד, איר זעט? אָט אויפ׳ן פענסטער ליגט אין פולמיסיקעל אַ געהאַקטער הערינג, ער איז איינגעהאַקט כדת משה וישראל: מיט אַ ציבעלקעלע, מיט עסיג, מיט בוימאייל, אַ מהיה, נאָר דאָס האַלבע קעפּעלע מיט דעם איינעם אייגעל איז גאַנץ.

ליגט זיך דער הערינג און קוקט צו מיר מיט זיין אייגעל, פרעגט ער מיר:—נו, מענדעלע, וואָס וועסטו זאָגען אויף מיר?

און איך ענטפער אים:

—ליעבער הערינג, וואָס זאָל איך דיר זאָגען. איך קאָן דיר נאָר אויפעסען, איינשלינגען און פון דיר הנאה האָבען.

—אָט—לאָזט ער אויס—דער הערינג, וואָס ליגט שוין אַן איינגעהאַקטער, ער האָט געדולד, ער קאָן האָבען געדולד. אָבער איך?—איך בין נאָך נישט איינגעהאַקט.

און ער שמייכעלט. שמייכעלט פון זיין אייגענעם געדאַנק, און ער רעדט עס מיט אַזאַ קלאָרקייט, מאָלט עס אַזוי, אַז איר זעהט ממש דעם הערינג, זעהט ווי דאָס אייגעל ווינקט צו אים, כאָטש אויפ׳ן פענסטער איז גאָר נישטאָ...

---

ווען מען זאָל געווען כסדר אויפשרייבען, וואָס דער גרויסער ר׳ מענדעלע האָט אַלץ אַרויסגערעדט דרך אגב, וואָלטען מיר אפשר געהאַט נאָך אַזוי פיל ביכער זיינע און נישט





וועניגער אינטערעסאַנטע.

נאָר אָט און די קראַנקהייט האָט אויך אָנגערירט אין זיין מויל—און פערשטערט די ווערטער פון זיינע ליפּען...

ליגט דער זיידע אַ שווייגענדיגער, דאָס פּנים שיינט און שטראַלט. דער מח, זעהט מען אַרבייט חריפ׳יש—נאָר ער זאָגט שוין נישט אויס.

ליגט ער זיך שטאָלץ. מיט דעם כאַראַקטעריסטישען שמייכעלע און אַייך דאַכט זיך, אַז דאָס שווייגט ער פער׳עקשנ׳ט, דאָס טוט ער עמיצען צו-להכעיס, איר זעהט, ווי ער פירט אַ קאַמף, אַ הייסען פערביסענעם קאַמף, און איהר פילט, אַז ער וועט אויספירען, ער וועט גובר זיין די קראַנקהייט אויך.

די האָפנונג איז גרויס, ווען מען קוקט אויף אים. מען פילט, אַז דער העלדישער זיידע וועט אויך די קראַנקהייט גובר זיין, כאָטש זי איז אַ שווערע.

שפּעטער וועט ער דערצעהלען אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט און זיך פאָרגעשטעלט אין די טעג פון שווייגען.

נאָר די נאָנטע פריינד זיינע שווייגען אויך. שווייגען און עס פערקלעמט ביים האַרצען. ווי וואָלט מען געוואָלט פון אים איצט הערען כאָטש איין וואָרט...

---

די דאָקטוירים זאָגען—עלטער. נאָר שייך צו זאָגען עלטער ביי ר׳ מענדעלען? קען מען דען דאָס וואָרט צו אים צופּאַסען?

—אַזאַ ערשיינונג—זאָגט דער דאָקטאָר—איז אַ זעלטענהייט. דאָס האַרץ אַרבייט נאָרמאַל, ביי ר׳ מענדעלען קאָנען נסים געשען. מעגליך, אַז היינט מאָרגען וועט ער צוריק אָנהויבען רעדען. אַלץ איז מעגליך ביי אַזאַ יונגען־אַלטען...

שטיל אַרום. אַ זונען־שטראַל גנב׳עט זיך דורך דער שויב, וואַרפט אַ שיין אויף דעם הויכען ליכטיגען שטערען. דאָס פּנים

שיינט און שטראַלט ווי אַ בלום. און עס דאַכט זיך, אַז ר׳ מענדעלע גרייט זיך צו אַ נס.

אַ נס וועט געשען, וואונדער וועלען בעוויזען ווערען.
אַזוי האָט זיך געדאַכט...
דער נס איז אָבער נישט געשעען.

בר-מערבי

# די לויה פון ר׳ מענדעלען

# I

## געשטאָרבען ר׳ מענדעלע.*)

שבת כ״ג כסלו (25־טען נאָיאַבר 1917), האַלב פינף פאַר־נאַכט איז געשטאָרבען דער עלטסטער יודישער שריפטשטעלער, דער שעפער פון דער יודישער ליטעראַטור, שלום־יעקב אַבראַ־מאָוויטש (מענדעלי מוכר ספרים).

---

נישט קוקענדיג אויף דער טיעפער עלטער זיינער, נישט רעכענענדיג זיך מיט דעם, וואָס דער זיידע מענדעלי איז שוין געווען אַריבער די תשעים, און מען האָט זיך געקאָנט ריכטען אויף דעם, דאָך איז די ידיעה געווען נישט ערוואַרטעט.

בליץ־שנעל האָט זיך די ידיעה פערשפרייט איבער דער שטאָדט. און אַלע, אָהן אויסנאַהם פון פאַרטיי און אידעאַל, אַלע האָבען דערפילט, אַז מיר האָבען געליטען אַ גרויסע אבדה.

וייל—ווער האָט געקאָנט זאָגען, אַז דער זיידע איז אַלט? ווען האָט עס געקאָנט גאָר איינפאַלען, רעדענדיג מיט אים, אַז מען האָט פאַר זיך אַ זקן פון דעם מין זקנים, צו וועלכע מען איז געוועהנט? דער געדאַנק איז אַזוי פריש געווען, זיין אַרט דענקען אַזוי קרעפטיג, זאַפטיג און יונג. אויף אַלעמען האָט ער שטענדיג רעאַגירט, וועגען יעדער ערשיינונג האָט ער געהאַט אַ פעסטע מיינונג. איז אים עפּעס געפעלען—איז ער דערין פערליעבט געווען; איז אים עפּעס נישט געפעלען, האָט ער עס אַזוי בייסענד איראָניזירט, אויסגעלאַכט, מיט אַזוי פיעל וויץ און מיט עקשנות, צו וועלכען עס איז זעלטען פעהיג אַ יונגער.

---

*) ווי זי איז געווען באַשריבען אין „פעטראָגראַדער טאָגבלאַט" פון 5 און 6 דעקאַבר 1917.

די ידיעה האָט זיך שנעל צוטראָגען איבער דער שטאָדט. אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען גרייטען צו דער לויה. יעדער האָט עפּעס געפיהלט, אַז זיינער אַ נאָהענטער איז געשטאָרבען. יעדע פּאַרטיי האָט עפּיס געהאַלטען דעם גרויסען מת פאַר זייעריגען, אַזוי ווייט, אַז דער „בונד" האָט אַפילו אַליין געגרינדעט אַ קאָמיטעט אויף צו אָרגאַניזירען די לויה, און זונטאָג אין דער פריה איז געווען פון זיי אַן אויפרוף אין די אָדעסער צייטונגען צו אַלע יודישע אַרבייטער, זיי זאָלען דעם טאָג ווידמען דעם אָנדענקען פון דעם גרויסען קעמפער מיט דער יודישער פינסטערקייט מיט דער יודישער אונוויסענהייט, דעם „ערשטען פאָלקס־שרייבער" און זיך בעטייליגען אין דער לויה.

יעדע פּאַרטיי האָט געדרוקט גרויסע בעקראָלאָגען אין די צייטונגען און אַלע האָבען אייגעלאַדען זייערע חברים צו בעעהרען דעם אָנדענקען פון דעם גרויסען שריפטשטעלער, יוד און מענש.

כּדי עס זאָלען נישט געשאַפען ווערען קיין פערשיעדענע קאָמיטעטען און עס זאָל נישט קומען צו קיין מיספערשטענדנישען, איז זונטאָג 3 בייטאָג פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פאָרשטעהער פון אַלע פּאַרטייען און געזעלשאַפטען. די זיצונג האָט צוזאַמענגערופען דער דיכטער ח. נ. ביאַליק, כּדי צו פעראייניגען אַלע אין איין קאָמיטעט, וואָס דאַרף אָרגאַניזירען די לויה.

—איצט איז נישט קיין צייט פון פּאַרטיי־חשבונות און פּאַרטיי־אידעאַלען, איצט דאַרף די גאַנצע יודישע אָדעס זיך אָרגאַניזירען אין טאָג פון דער לויה אין איין „מענדעלע-פּאַרטיי".

אויף דער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרען: נישט לעגען קיין קרענץ, נישט געהן מיט קיין פאָנען—ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבען געוואָלט—בעשטימט די צאָל רעדנער און פון וואָסערע פּאַרטייען. די ערשטע רעדען ליטעראַטען, נאָך זיי פאָרשטעהער פון שולען און לעהרערשאַפט, נאָך זיי די פּאַרטייען און אַנדערע. בעשטימט זענען געוואָרען 16 רעדעס. אויסער ביאַליק'ן זענען אַלע בעגרעניצט געוואָרען מיט 5 מינוט.





אויף דער זיצונג האָט ה' ראַווניצקי אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאָג, אַז אַזוי ווי אונזער שפּראַכען־טראַגעדיע איז בכלל אַ ביסעל אַ קאָמישע, אַזוי ווי בכלל איז לעכערליך, אַז מען רעדט אויף אַ יודישער אַספּה אָדער פערזאַמלונג רוסיש, בכן—דאָ, ביים קבר פון דעם גרויסען שריפטשטעלער, זאָל מען רעדען אָדער העבּרעאיש, אָדער יודיש, נאָר בשום אופן נישט קיין רוסיש. גענוג, אַז מיר פערמאָגען צוויי שפּראַכען. גענוג, אַז מיר דאַרפעןליידען פון זיך, זאָלען מיר כאָטש ניט ליידען פון אַ פרעמדער שפּראַך. איבערהויפּט ביים קבר פון מענדעלי'ן.

וועגען דער פראַגע ברעכען אויס ויכוחים, יעדער מיט זיינע מאָטיווען. לסוף ווערט אָנגענומען: „עס איז ווינשענסווערט, מען זאָל רעדען אָדער העבּרעאיש, אָדער יודיש. מען גיט אָבער די מעגליכקייט צו רעדען אויך רוסיש.

עס ווערט אויך בעשטימט נישט האַלטען קיין רעדעס פאַר דער לויה, אויך נישט אין דער שוהל. וואו מען וועט זיך אָבשטעלען, כּדי עס זאָל נישט געשעהען עפּיס אַן אומגליק, מען זאָל זיך נישט אַריינרייסען מיט געוואַלד כּדי צו הערען די רעדעס, און אַלע רעדעס ווערען געהאַלטען נאָר אויפ'ן בית־הקברות, ביים אָפענעם קבר.

צוליב דעם, וואָס עס איז ווינטער און די טעג זענען קורצע, בעשטימט מען צו פערקלענערען דעם מהלך. נישט געהן איבער די גאַסען, נאָר גלייך פון שפּיטאָל ביז דער שאַלאַשנער שוהל; פון דאָרט אויפ'ן בית־הקברות.

צוליעב דעם, וואָס דאָס הויז, וואו ר' מענדעלי האָט געוואוינט, און וואו די תלמוד־תורה האָט זיך געפונען, איז רעקווירירט (דאָרט איז איצט אַ לאַזאַרעט), זאָל מען דעם נפטר נישט טראָגען פאַרביי דער תלמוד־תורה.

עס ווערט בעשלאָסען אַרויסלאָזען אויף מאָרגען אין דער פריה אַ ספּעציעלען בולעטען (ווייל מאָנטאָג געהען קיין צייטונגען נישט אַרויס) אין נאָמען פון קאָמיטעט צו אָרגאַניזירען די לויה, וועגען סדר און וועגען די בעשלוסען. צוליב דעם צוועק

װערט צוזאַמענגעשטעלט דער בולעטען אויף העברעאיש און אויף יודיש, מיט אַן איינלייטונג וועגען מענדעלי׳ן, נאָר אַזוי ווי דאָס איז שוין געווען שפעט, און דערצו זונטאָג אויף דער נאַכט, האָט מען נישט בעוויזען אַרויסצולאָזען דאָס בולעטען.

אַרויסגעלאָזט אַ בלעטעל האָבען נאָר די „פעראייניגטע״ מיט קורצע נאָר וואַרימע ווערטער איבער דער גרויסקייט פונ׳ם נפטר.

בייננאַכט האָט מען זיך אויך דערוואוסט, אַז דער „בונד״ איז נישט צופריעדען דערמיט, וואָס זיינע דעלעגאַטען האָבען איינגעשטימט צו געהן אָהן רויטע פאָנען. צוליעב דעם זענען דאָרט, ביי זיי, פאָרגעקומען ויכּוחים; מען האָט דוקא געוואָלט פאָנען, ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט, מען זאָל זיי אָהן דעם נישט חושד זיין אין „בורזשואַזיע״ אָדער ציוניזם״...

לסוף איז ביי זיי געבליבען: געהן מיט די פאָנען ביז צום שפיטאָל—צום בית־הקברות, דאָס הייסט, בעת דער לויה, אָהן פאָנען.

די לויה איז געווען בעשטימט אויף 12 אַ זייגער.

## II

## אין שפיטאָל.

איך, אַלס איינער פון די אָרדנער, בין אַוועק אין שפיטאָל ניין אַ זייגער אין דער פריה.

אַ קעלט אין דרויסען, אַ שניי ליגט איבער די גאַסען, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד. דער שפיטאָל געפינט זיך גאַנץ ווייט פון שטאָדט, אין מאָלדאַוואַנקע. דאָך—ווען איך בין אַהין געקומען, זענען שוין יודען געגאַנגען פון אַלע זייטען, מענער, פרויען און קינדער. אַלע האָבען געוואָלט האָבען די מעגליכקייט אַריינצוקומען אין שפיטאָל און אַ קוק געבען אויף דעם נפטר.





באַלד אָבער האָט מען געמוזט אַוועקשטעלען אַ וואַך ביי די טירען, ווען נישט, וואָלט דער גאַנצער שפיטאָל־הויף געפּאַקט געוואָרען אַזוי, אַז עס וואָלט אונמעגליך געווען דורכצולאָזען דעפוטאַציעס.

יודען ווילען אָבער נישט אָפטרעטען, און באמת, ווער האָט עס דאָס רעכט אים נישט לאָזען געבען דעם לעצטען אָבשיידס-בליק אויף זיין מענדעלי׳ן? מענדעלע געהער צו אַלעמען. ער איז אַזוי פּאָפּולער און נאָהענט צו יעדען האַרצען. און עס קומט אויס צו פערדאָפּעלען די וואַך, כּדי אויסצומיידען אַ קאַטאַסטראָפע.

צו האַלטען די אָרדנונג האָבען אויף זיך גענומען די מיטגליעדער פין דער יודישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. די אָרדנער—ליטעראַטען, זשורנאַליסטען און פאָרשטעהער פון פּאַרטייען. אַלע האָבען צייכענס—שוואַרצען קרעפּ אויף די אַרבעל פון די רעכטע הענד.

דער הויף איז לעדיג. אייניגע מענשען נור, האָבען בעוויזען באַלד בעגינען זיך אַריינצוכאַפּען. מיר געהען אַריין אין דעם צימער, וואו עס ליגט דער נפטר.

דאָס צימער איז לעדיג אין אָרון ליגט דער זיידע, אָנגעטון אין קיטעל און אין טלית, זעהט ער אויס, ווי ער וואָלט שלאָפען. דאָס מויל עטוואָס אָפען, די נאָז, די אָדלער־נאָז, פערשפיצט אין גאוניש, דער הויכער שטערען, די ווייסע גלאַנציגע האָר. דאָס איז ער, דער זעלבער, ווי געווען. נאָר די אויגען—זיי זענען פערמאַכט, פון אונטער די ברעמען שלאָגט אַרויס אַ געלבע בלויקייט... די וויהעס—עפּיס פערווייסט.

נעבען אים שטעהט עפּיס אַ יוד, ווער איז ער? סתם אַ יוד, וואָס קאָן „זאָגען״ משניות... צוקאָפּענס ברענען די ליכט, און עס מאַכט אַ שרעקליכען רושם. דער זיידע ליגט—נעבען אים עפּעס אַ יוד...

בשעת מעשה דאַכט מיר: דער זיידע איז בייז.

צוריק בין איך אויפ׳ן הויף. מיר שווייגען אַלע. דער רושם איז גוואַלדיג. דאָס איז דאָך דער זיידע. אַזוי האָט ער

דאָך כמעט אויסגעזעהען. און דאָך, עס וועט פאָרקומען א לויה.

דער עלטסטער דאָקטאָר פון שפּיטאָל שטעלט אונז אָב. ער דערצעהלט, ווי די לעצטע טעג האָט ער אים דערקענט, זיך אויפגעכאַפּט, אַרומגעקוקט און אים אָנגערופען ביים נאָמען, דעם זון זיינעם האָט ער געדריקט ביידע הענד. שבת האָט ער זיך נאָך אומגעקוקט, געקומען צו זיך. נאָר שפּעטער איז ער אויסגעגאַנגען.

און דער דאָקטאָר איז מוסיף:

—זעלטען אַ מענש זאָל אַזוי „פיזיאָלאָגיש“ שטאַרבען. על פּי רוב שטאַרבען מענשען נישט נאַטירליך, איבער קראַנקהייטען, צופאַלען. דער זיידע איז געשטאָרבען אַזוי נאַטירליך, דאָס הייסט, ער האָט אויסגעלעבט דאָס לעבען זיינס ביז דעם לעצטען טראָפּען.

פאַר אונז איז עס אָבער אַ קליינע טרייסט.

אין קאָפּ שפּינען זיך מחשבות. מ׳דערמאָנט זיך זיין געהן, זיין שטעהן, זיין שאַרפזיניג רעדען, אַז ער האָט גערעדט, האָט ער דאָך געמאָלט, געשאַפען. דאָס זענען דאָך נישט געווען קיין סתם רייד... און עס שווייגט זיך אַזוי, מען קאָן נישט רעדען.

דער דאָקטאָר דערצעהלט נאָך: נעכטען האָט ער גאָר געשיינט, נאָר מען האָט געמאַכט אַ מאַסקע. דאָס האָט אַ ביסל געווירקט, דאָס פּנים זאָל פערענדערט ווערען. מאָלער האָבען אים געמאָלט...

מיר אָבער ווייסען איינס—נישטאָ מער דער זיידע. און דאָס איז אַזוי אונפערשטענדליך, אַזוי אונגלויבליך.

מיר קומען צו צום טויער—די גאַנצע גאַס איז שוין שוואַרץ פון מענשען. פון אַלע זייטען קומט מען אָן אַלץ מער און מער, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די לויה וועט זיך אָנהויבען צוועלף און איצט איז סך־הכל האַלבע עלף. ביי די טויערען איז אַן ענגשאַפט. עס אַרבייטען אַ מאַן פופציג, כּדי צו האַלטען די אָרדנונג.

באַלד האָט מען געעפענט אַ ספּעציעל טירעל, דורך וועלכען מען האָט אָנגעהויבען אַריינלאָזען די דעפּוטאַציעס.



און דעפּוטאַציעס קומען פון אַלע קהלות, פון אַלע פאַרטייען, פון אַלע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.

די פאָרשטעהער פון „בונד“ און „פעראייניגטע“ קומען מיט רויטע בענדער איינגעהילט אין שוואַרצען קרעפּ–אויף די אַרבעל.

מען דערוויסט זיך אויך באַלד, אַז זיי האָבען בדעה טראָגען אַ שוואַרצע פאָהן בעת דער לויה. עס געלינגט אָבער צו פועל׳ן זיי זאָלען זיך פון דעם אָבזאָגען.

עס ציען זיך דעפּוטאַציעס. מען שטעהט אין צוויי שערענגעס. מען לאָזט אַריין איינציגווייז. נאָר באַלד ווערט אַ שטופּעריי. יעדער וויל אַ קוק טהון אויף דעם ליעבסטען, וואָס דאָס יודישע פאָלק פערלירט. יעדער וויל אים זען צום לעצטען מאָל.

עס קומען אָן די כאָרען פון די אָדעסער שוהלען מיט די חזנים. און מען לאָזט שוין מער נישט אַריין די דעפּוטאַציעס, מען נעמט זיך גרייטען צו דער לויה.

אַרום דעם אָפענעם אָרון שטעהען אַלע נאָענטע, די שריפטשטעלער, קרובים, גוטע בעקאַנטע. מען שווייגט אַזוי בע׳צער׳ט. דער חזן מאַכט אַ אל מלא רחמים. דער כאָר זינגט. און עפּיס רייסט זיך אָב אין האַרצען: אָט-אָט און מען וועט דעם אָרון פערמאַכען און–מער וועלען מיר שוין דעם זיידען נישט זעהן...

די מינוט איז אַ שווערע, אַ פּייניגענדיגע, נאָר–מען פערמאַכט דעם אָרון סוף כּל סוף.

שטיל.

די שריפטשטעלער רינגלען אַרום דעם אָרון. שווייגענדיג נעמט מען אויף די אַקסלען דעם מת און מען לאָזט זיך געלאָזען אַרויסגעהן אין הויף.

דער הויף איז אָבער פול געפּאַקט פון די דעפּוטאַציעס אַליין. עטליכע טויזענד מאַן געפינען זיך אין הויף. מען מוז בלייבען שטעהן. די סאָלדאַטען מיט די סטודענטען שליסען אַ קייט פון ביידע זייטען, און געלאַסען הויבט מען אָן געהן ווייטער.

אין הויף געפינט זיך אַ שוהלכעל. דאָרט בלייבט מען שטעהן, און דער פּאָפּולערער חזן און שריפטשטעלער ה׳ מינ-קאָווסקי, מאַכט אַ הזכרה...

נעבען אָרון געפינען זיך: די באָבע, דער זון, די טעכ-טער און איידעמס, דער הויף איז אַזוי געפּאַקט, אַז דער גאַנ-צער הויף בעוועגט זיך, ווי איין גאַנצעס.

די שריפטשטעלער טראָגען דעם מת ביז דעם טויער. דאָרט נעמען אים איבער די לערער, און די לויה הויבט זיך אָן.

## III

### די לויה.

ד גאַסען אַרום שפּיטאָל זענען פול. אַלע יודען זענען געקומען בעגלייטען דעם גרויסען נפטר.

עס זענען געקומען אַלט און רייך, אָרים און יונג, דאָס גאַנצע פאָלק.

עס זענען געקומען אַלע תלמידים פון די שוהלען, אַלע יודישע תלמידים פון די קאַזיאָנע גימנאַזיעס, אַלע אַרבייטער, סוחרים, אַריסטאָקראַטיע. די קלייטען זענען געשלאָסען, אַלע יודען ווייסען, ווער עס איז ר׳ מענדעלע, אַלע קאָנען אים.

די לויה ציהט זיך פאַמעליך, צענדליגער טויזענדער מענ-שען נאָך דעם אָרון. די ענגשאַפט איז געוואַלדיג, אונמעגליך צו מאַכען אָרדנונג, מחמת די מאַסען זענען מער, ווי די גאַ-סען קאָנען אין זיך אַריינגעמען. בעוועגט זיך דאָס פובליקום געלאַסען, עס בייטען זיך די, וואָס טראָגען דעם מת.

אַן עפּיזאָד:

אין דער געשלאָסענער קייט אַרום אָרון, איז עפּיס שטעהן געבליבען אַן אַלטע יודענע. אַ יודענע פון ר׳ מענדעלעס יודע-נעס. שטעהט זי און וויינט, גיסט מיט טרעהרען.

מען הייסט איר אַרויסגעהן פון דער קייט זי קלאָגט:

—וואָס זאָל איך טהאָן, געוואַלד, ער איז דאָך פון מיין שטאָדט. איך בין פון בערדיטשעוו. איך קאָן נישט אַוועקגעהן.

אוי זי וויינט אַזוי ערנסט, אַזוי האַרציג, אַז מען האָט





נישט די העזה, איר הייסען געהן אָן דער זייט.

אַזוי פּאָפּולער איז מענדעלע.

עס בעוויזט זיך ווידער אַ שוואַרצע פאָהן מיט יודישע אויפשריפטען, נאָר די פעראָרדנער גיבען באַלד איבער, אַז מען בעט אַראָבנעמען די פאָהן, זי ווערט באַלד פערשוואונדען.

אַזוי פירט זיך די פּראָצעסיע. די כאָרען זינגען טרויריג, און דער עולם שווייגט ביז מען קומט צו דער שאַלאָשנער שוהל.

דאָרט—וואַרט אַ פּובליקום פון אַ סך טויזענדער מענשען, קעפּ אויף קעפּ, נאָר דעם אָרון לאָזט מען אַריין אין עגול, וועלכער איז אַרומגעצוימט פון אַן עהרען-וואַך.

מען מאַכט אַ הזכרה.

שוין שפּעט. דער טאָג האַלט ביים אונטערגעהן, קיין רעדעס ווערט מען נישט האַלטען, די לויה געהט ווייטער.

דער גאַנצער וועג איז פול מיט מענשען, וואָס איילען אויף דעם בית-הקברות. יודען קומען אַרויס פון די קלענסטע הינטערגעסלעך, פשוטע, פּראָסטע יודען האָבען דערהערט דעם נאָמען מענדעלע, האָבען זיי געוואָרפען זייערע האַמערס, די נאָדלען און זענען אַרויס בעגלייטען זייער שריפטשטעלער.

אַלע ווייסען, ווער דאָס איז.

ווען די לויה גרייכט שוין באַלד צום בית-הקברות איז נאָך דאָרט אין עק גאַס אַלץ פול, די פּראָצעסיע איז געוואַלדיג גרויס און אַלע געהען מיט אויף דעם בית-הקברות

מען פאָרט נישט. זעלטען, אַז עמיצען פאַלט איין צו נעמען אַ דראָזשקע, אַלע געהען צו פוס, אַלע ווילען אים בע-גלייטען געהענדיג.

דעם אָרון טראָגען סטודענטען, יודישע סאָלדאַטען, יונ-קערס און דאָקטוירים, יעדער וויל כאָטש אַ שטיקעל וועג טראָ-גען דעם אָרון. מען בעט זיך רחמים. צום לעצטען מאָל זיין נאָנט צום זיידען, וועמען מיר פערלירען אויף אייביג.

פאַרנאַכט קומט די לויה אָן צום בית-הקברות.

# IV

## אויפ׳ן בית־הקברות.

אויפ׳ן בית־הקברות האָבען שוין געוואַרט טויזענדער מענשען. דער טרויער־זאַל איז געווען פול. אַרום דעם קבר איז געווען אויסגעשטעלט אַ דריי־פאַכיגע מענשען־קייט.

דער קבר איז נעבען קבר פון פרוג׳ן. דאָס איז די רייה, וואו עס ליגען די יודישע שריפטשטעלער: ליליענבלום, לעווינסקי און אַנד.

נעבען טרויער־זאַל רעדט דער ערשטער ח. נ. ביאַליק.

זיין שטים ציטערט, ער איז בלייך. רעדט העברעאיש. פרובט זיך אין קורצען אָבשאַצען די גרויסקייט פון דעם נפטר. און ווען ער נעמט דערצעהלען אייניגע פרטים פון זיין לעבען, פון זיין שאַפען, הערשט אַ געוואַלדיגע שטילקייט.

„דער זיידע האָט געהאַט אַ ווייסען־זילבער־קאָפּ, נאָר צווישען די ווייסע האָר האָבען זיך געזעהן שוואַרצע... דער זיידע האָט אויף דער עלטער ווידער גענומען בליהען... ווידער אָנגעהויבען יונג ווערען...״

„מען שרייבט צו דעם זיידען צו די העברעאיסטען, צו די יודישיסטען, עס איז נישט אמת. דער זיידע איז געווען דער אוצר פון גאַנצען פאָלק״.

ער רעכענט אויס די עפּאָכען־ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור, ער דערמאָנט די צייט, ווען די העברעאישע ליטעראַטור איז געווען בלויז מליצה, און דער זיידע—ער האָט אַרויסגעפירט פון דער מליצה, ער האָט געוויזען אמת׳ע ליטעראַטור, אמת שאַפען...

ביים קבר האַלטען רעדעס אַלע פאָרשטעהער פון די פאַרטייען, יעדע פאַרטיי זעהט אין דעם זיידען דאָס, וואָס זי קאָן זעהן, יעדע פאַרטיי נעמט פון דעם זיידען דאָס, וואָס זי קאָן נעמען, אַלע אָבער שטרייכען אונטער, אַז דער זיידע האָט געשאַפען פאַרן גאַנצען פאָלק.





און אַלע רעדעס זענען אַזוי ערנסט, אַזוי האַרציג.

מען מאַכט אַ הזכרה, דער זון זאָגט קדיש. און עס איז וואונדערבאַר: דער זון איז זער ענליך אין אויסזעהן צום טאַטען, די זעלבע הויך, דאָס זעלבע ווייסע בערדעל.

און לסוף בעט דער זון דאָס וואָרט, ער וויל עפּעס זאָגען.

און ער רעדט מיט אַזאַ אונבעגרענצטער עהרע צום טאַטען, רעדט מיט געוואַלדיקן ערנסט און יראת הכבוד:

„ערלויבט מיך, איך אַ זון, וויל זאָגען דאָס הייסטע וואָרט מיינס. מיט הונדערטער יאָרען צוריק זענען יודען פערטריבען געוואָרען איבער דעם גרויסען חטא וואָס זיי זענען בעגאַנגען: דאָס יודישע פאָלק האָט גע׳הרג׳עט זיינע נביאים.

דער חטא איז גרויס, גאָר גרויס געווען. און גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט: מער קאָן איך נישט פערשווייגען, אַזאַ חטא קאָן נישט אָבגעהן אָן אַ עונש. און ער—גאָט ברוך הוא, האָט געוויינט אויף אונזערע צרות, און דאָך פערטריבען אונז אין גלות. געליטען און אונז דאָך געשטראָפט.

און אַוועק זענען יאָרען, צענדליגער, הונדערטער, טויזענדער, און איינמאָל, ווען גאָט כביכול, איז געזעסען געקרוינט צווישען מלאכי־מעלה—איז אים איינגעפאַלען: צי איז שוין מיין פאָלק גרייט, עס זאָל אויסגעלייזט ווערען פון גלות? איך וועל זיי פרובען, איך וועל זיי אַראָבשיקען אַ נביא, זאָל ער וואַנדערען צווישען מיין פאָלק, און אַז ער וועט צו מיר צוריקקומען, וועל איך אין אים זען, צי מיין פאָלק איז שוין ווערט אויסגעלייזט צו ווערען. איך וועל זען, ווי אַזוי ער וועט קומען צו מיר.

איז עס געווען מיט הונדערט יאָר צוריק. יאָ, מיט הונדערט יאָר צוריק, ווייל דאָס לעבען פון דעם דאָזיגען איז געווען אַ לעגענדע, און ווי אַלע לעגענדעס האָט ער נישט קיין בעשטימטען אָנהויב. מען זאָגט מענדעלע איז אַלט געווען 82 יאָר. עס איז מעגליך, אַז גאַנצע 92. ווער ווייס עס?—איז עס געווען מיט הונדערט יאָר צוריק, און גאָט ברוך הוא האָט זיך

דערמאָנט אָן זיין פאָלק, האָט ער אַרויסגענומען אַ בריליאַנט-נשמה פון זיין קרוין, האָט זי געוואָרפען אויף דער ערד, זי זאָל געבוירען ווערען.

דאָס איז געווען דאַן — ווען אין רוסלאַנד האָט מען געשטיקט יעדען פרייען געדאַנק, ווען דאָס יודישע פאָלק האָט געליטען מער נאָך פון אַלע אַנדערע. דאָס איז געווען דאַן, ווען יודען זענען געווען בשפל המצב, און די נשמה איז געבוירען געוואָרען ביי, אַ יוד אַן אָרימאַן, אין קאַפוליע.

צו צען יאָר אָבער האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט — גענוג געווען אין אַ היים, אַ נביא דאַרף פערוואָגעלט ווערען, וואַנדערען, זיין נע ונד, נאָר דורך ליידען ווערט מען דערהויבען. און גאָט זאָגט: איך נעם דיר צו דעם טאַטען.

דאַן הויבט אָן די נשמה צו ליידען, וואַלגערט זיך אין ישיבות, אין הקדש און דערפער, ליידט און ווערט געפייניגט. די סביבה אַרום איז אַזאַ נישטיגע, אַזאַ קבצנ'ישע.

אַוועק הונדערט יאָר, און איצט קערט זיך דער נביא אום צו גאָט ברוך הוא.

און אַרום זיין קבר-זעט איר נישט קיין שפלע, נישט קיין קבצנ'ישע, נאָר אַ גרויס מעכטיג פאָלק, אַ שטאָלץ פאָלק, מיט אַ נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין.

דאָ זע איך נישט קיין פערשידענע פּעהנער, דאָ זעה איך איין פערשידענפאַרביגע פאָן, איך זעה דאָס פאָלק, וואָס שטרעבט און גאַרט.

און אַז דער נביא וועט צוריקקומען צו גאָט, וועט גאָט ברוך הוא זאָגען: צייט דאָס פאָלק אויסצולייזען, צוריקברייננגען אין זיין לאַנד, צו וועלכען עס בענגט אַזוי פיעל יאָרען. דאָס פאָלק זאַמעלט זיך אַרום זיין נביא.

און איך וועל ענדיגען מיט די לעצטע ווערטער פון קדיש:

— עושה שלום במרומיו — הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ונאמר אמן".

איין מינוט האָט עס דערמאָנט אָן דעם אָרט דענקען און





טראַכטען פון דעם זיידען זכרונו לברכה.

---

מען פערשיט דעם קבר. אַ לאָפּאַטע נאָך אַ לאָפּאַטע, עס ווערט דונקעל, עס איז שוין נאַכט. און אויפ'ן הארצען ווערט אַזוי שווער, די פּנימער אַזוי פער'צער'ט; אין די דריי פינסטערע יאָר פון דער וועלט־שחיטה — וויפיעל דאָס יודענטום האָט געליטען. אַוועק דער פלאַמיגער פרץ, אַוועק דער קינסטלער שלום עליכם, און איצט דער זיידע זייערער, דער גרויסער לערער, דער גרויטער שעפער — איז שוין אויך נישט מיט אונז.

— את נ־שמ־ת שלום יעקב בר משה חיים אַבראַמאָוויטש שהלך ואלמו" — זאָגט דער חזן מיט אַ וויינענדיק קול — אָבער ווי פרעמד איז דער דאָזיגער נאָמען: פאַראַן אַן אַנדער נאָמען וואָס רעדט מער צום האַרץ און נשמה, אַ לעגענדאַרישער נאָמען „מענדעלע מוכר ספרים" און מ ע נ ד ע ל ע איז נישט געשטאָרבען, ער לעבט צווישען אונז...

בר־ מערבי.

# אינהאַלט:


זייט

1) שלום עליכם / ווי שעהן איז דער בוים — 1

2) א. רייזען / די קליאַטשע — — — 9

3) ש. אַש / מענדעלע מוכר ספרים — — 17

4) בן־עמי / ר' מענדעלע שבעל־פה — — 27

5) ד. איינהאָרן / מענדעלע ביי דער אַרבעט — 57

6) ב. עפּעלבוים / מענדעלעס יובילעאום — 64

7) ח. נ. ביאַליק / נאָכן זיידענס יובילעאום — 89

8) ב. עפּעלבוים / פון ר' מענדעלעס שמועסן — 119

9) דעו' זיידע אויפן קראַנקען בעט 129

10) בר־מערבי / די לויה פון ר' מענדעלען — 137